STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10974

LAYDENDE NESHOMES

Boris M. Kader

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַריס קאַדער

ב. קאַדער.

Премирована

ליידנדע נשמות

(אַ דראַמע אין 4 אקטן)

צום ערשטן מאָל געשפּילט, אונטער'ן נאָמען «[illegible] שטראָם»,
אין באַקו [illegible]״, דעם 9-טען אַפּריל 1920, און
[illegible] פון דער [illegible] [illegible] [illegible] „[illegible]״.

ЛАЙДЭНДЕ НЕШОМЕЙС
(СТРАДАЮЩИЕ ДУШИ)
[Драма] в 4 действ.

Соч. Б. КАДЕРА.

Баку, 1921 г.

Зак. № 14263. Издательство „Азерцентропечать". 500

פערזאנען:

לייזער זילבערשטיין	אַ געפאַלענער בעל-הבית
מלכּה זילבערשטיין	זיין ווייב
רייזעלע (ראָזע)	זייער טאָכטער
מאַקסיק	ראָזעס קינד
אליהו לייב	מלכּה׳ס פאָטער
חוה-ליפשע	מלכּה׳ס מוטער
מאַקסים פאַוולאָוויטש (מאַקס)	סטודענטן
מאַרקוס	
ליאָווע	
אילושאַ	
פּאַולינע אַ קורסיסטקע	ראָזעס חברת׳עס
לענאַ "	
יעקב גורעוויטש	פאַבריקאַנט
שוואַרצמאַן	דאָקטאָר
זשעני׳ע שוואַרצמאַן	זיין ווייב
שרה-לאה	אַ דינסט ביי לייזער זילבערשטיין

געסט: סטודענטן און קורסיסטקעס.

דער ערשטער אַקט קומט-פאָר אין דער שווייץ, די איבריגע—אין רוסלאַנד.

צווישן ערשטן און צווייטן אַקט—עטליכע חדשים.

" צווייטן און דריטן " — " "

" דריטן און 4-טען " —9 יאָהר.

ערשטער אקט.

אַ חדר, מעבלירט אין רייך-סטודענטישן גייסט.

(איידער ס׳הייבט זיך אויף דער פֿאָרהאַנג, הערט זיך הינטער דער סצענע אַ כאָר-געזאַנג פון יונגע שטימען:

„Быстры, как волны, все дни нашей жизни.
Что день, то короче к могиле наш путь.
Налей же, товарищ, заздравную чару—
(ביי די ווערטער הייבט זיך אויף לאַנגזאַם דער פֿאָרהאַנג.
Бог знает, что с нами случится впереди“).

(פּויזע).

מאַרקוס: אַ מאָדנע זאַך: מיר אַלע האָבן זאַך דאָ צונויפגעקליבן צום געבורטסטאָג פון אונזער שיינער און צאַרטער ראָזע, אָבער אַנשטאָט צו זינגען לכבוד איר יום-טוב עפּעס אַ פריילאַכס, אַ לעבעדיגס- האָבן מיר אַלע אַראָבגעלאָזן די קעפּ מיט די נעזער צוזאַמען, די בעל-שמחה׳טע מוז אויף אונז געווים זיין ברוגז.

ראָזע: ערשטנס, מאַרקוס, וואָס זאַגען עס פּאַר אַ ווערטער: די שיינע, די צאַרטע?! איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך האָב פיינט קאָמפּלימענטן. צווייטנס. די שמחה, וואָס איך בין געבאָרן געוואָרן (קאָקעטיש) מיט 24 יאָר צוריק— איז גאָר ניט אַזוי גרויס. דריטנס, נאָך וואָס זאָלן מיר זיך מאַסקירן און זינגען פריילינע לוסטיגע לידער, ווען אויפן האַרצן איז גאָר ניט העל. גאָר ניט פריילאַך: פּוסט... וויסט...

אילױשאַ: (צו ראָזען) אויב איר, ראָזע, האַלט ניט פּאַר אַ שמחה אייער געבורטסטאָג, מוז דאָך אָבער דאָס, וואָס איר פאָרט מאָרגן אַהיים. נאָך רוסלאַנד, אַוודאי זיין ביי אייך אַ גרויסער יום טוב. טאָ- לחיים, חברים!

פּאַאולינע: (מיט אַ זיפץ) נאָך רוסלאַנד, נאָך רוסלאַנד... לאָמיר מאַכן «לחיים!»

(אַלע טרינקען: לחיים! לחיים!

ראָזע: דאָס, וואָס איך פאַרלאָז אייך דאָ, אין דער פרעמדס, ווייט פון מיר. איז גאָר ניט קיין שמחה... אמת, מיר ווילט זאַך זעהר זעהן מיינע עלטערן, מיינע אַלטינקע זיידן און באָבען, אָבער איר, מיינע טייערע פריינד, פאַרנעמט אויך אַ שיינעם אָרט אין מיין האַרצן... צוויי יאָר... צוויי יאָר, זיבט מיר זאַגען צוזאַמען... דורכגעלעבט... דורכגעמאַכט... דורכגעפיהלט... פאַנטאַזירט... גע-

האָפּט... גאָט װײס, צי װעלן מיר זאָך גאָך זעהן... דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך זעגן זיך מיט אײַך אַף אַ לאַנגע צײַט... װער װײס, אפשר אַף אײביג...

(עפּנט דעם פענסטער און קוקט אין דאָס װײטעניש).

צװײ יאָר, דאָס איז ניט אײן בלאַט אין מײַן לעבנס-געשיכטע...

פּאַולינע: (צו ראָזען) נאַרעלע אײנע, װאָס ביסטו אזוי מיט אַמאָל אומעטיג געװאָרן? און װאָס איז דאָס פאַר אַ װערטער: מעהר ניט זעהן זאָך!.. אַף אײביג... דו פאָרסט אַהײם, צו דײַן פאַמיליע, װעלכע װעט דיך מיט הײסער ליבע בעגעגענען, און אין אַ פּאָר חדשים אַרום ביסטו װײַטער צװישן אונז. װאָס זאָל איך שױן זאָגן? איך, װאָס האָב ניט װאוהין צו פאָהרן, צו װעמען צו פאָהרן... (פאַרטראַכט זיך אַביסעל) און פונדעסטװעגן בין איך שטענדיג פרײלאַך, לוסטיג... (לעבעדיג) נו, חברים, לכבוד ראָזעס קומען צוריק—לאָמיר מאַכן לחיים!

(אַלע טרינקען. לחיים! לחיים! לעבן זאָל ראָזע!).

ראָזע: אַ גרױסן און טיפן דאַנק אײַך, מײַנע טײַערע פרײַנד, פאַר אײַ-ערע װאַרעמע װערטער, פאַר אײַער ליבע צו מיר. אַ דאַנק דיר, מײַן עלענדע פּאַולינעטשקע (זײ קושען זאָך) פאַר דײַן הײסער פרײַנדשאַפט. חברים! גיסט אָן אײַערע באָקאַלן מיט װײַן, פול, ניט געשעמט. איר האָט אַלץ געטרונקען פאַר מײַן געזונד, איצט הױב איך הױך מײַן באָקאַל פאַר אײַער גליק. לעבט װאױל! אַ לעבן, פול מיט האָפנונג! דאָס לעבן איז שײן און רײַך! לחיים! לחיים!

(אַלע טרינקען: לחיים! לחיים!).

מאַרקוס: איצט פּאַסט אין אמת'ן אַ נגון, עפּעס... אַ פרײלאַכס... (צו לענען) נו, לענאַ, איר זײַט דאָך אַ בריה אַף אַזעלכע זאַכען... גיט עפּעס... אַ לעבעדיגס... ניט געשעמט!

לענאַ: (צו מאַרקוס'ן) לאָזט צו-רוה, מאַרקוס. מיט אײַך איז שטענדיג די זעלביגע מעשה: זינג! אײַך אַרט ניט, צי מיר טהוט װעה אין האַלז, צי ניט. „זינג!" נײַן, איך װעל ניט זינגען!

אילױשאַ: (צום עולם) װאָס אמת איז אמת. לענאַ לאָזט זאָך שטענדיג בעטן (צו לענען) נאָר אײַך, לענאַ, װעט דאָך ניט העלפן: איר װעט דאָך מוזן זינגען און װעט זינגען; הײַנט נאָך װאָס דאַרפט איר קונצן? טהוט אַ ציה אײַער דראַטװע און, זײַט זיכער, איך װעל אײַך שױן אונטערהעלפן.

לענאַ: (צום עולם) װאָס זאָגט איר אױפ'ן נײַען בעהעלפער? אילױשאַ דער זינגער... חאַ, חאַ, חאַ... (צו אילױשע'ן) בײַ אײַך איז דאָך אַ שטים פון אַ זױערן בוריק און איר מײנט, אַז איר זײַט שאַליאַפּין. שװײַגט בעסער! צוליב אײַך װאָלט איך הײַנט אַפילו מײַן מױל

ניט געעפנט, (צו ראָזען) נאָר צוליב דיר, ראָזעטשקע, צוליב דיין יום-טוב, וועל איך יאָ זינגען.

אילישא: אָט דאָס מיין איך טאַקי.

(אַלע מיט איין קול: לענאַ, מיר בעטן אייך... מיר בעטן...)

(לענאַ זינגט גלינקאַ'ס „Северная звезда“).

(אַלע: בראַוואָ! בראַוואָ!).

ליאָווע: (צום עולם) איך קוק די גאַנצע צייט אַף אייך און וואונדער זאַך: מיר זאַנען דאָך אַלע פון איין שטאָדט, אויפגעוואַקסען אין דער ליטע, געהאָדעוועט אין עכט-אידישע טראַדיציעס, אונז איז גוט באַקאַנט דער אידישער זיפץ, דער טיפער קרעכץ, און אָנשטאָט צו זינגען אַ אידישען ניגון, אַ עכט-אידישען ליד, מאַכען מיר זאַך נאַריש און זינגען פרעמדע לידער. וואָס זאַנען ווייט פון אונזער נשמה, פון אונזערע בעגריפן, פון אונזער לעבן...

מאַרקוס: (צו ליאָווען) איר האָט אַ גרויסען טעות, ליאָווע. אמת, מיר זאַנען געבוירן און געהאָדעוועט אין עכט-אידישע טראַדיציעס, וועלכע זאַנען אונז טייער, אַלס אָנדענקונג, ווי אַלע קינדערשע זכרונות, אָבער זאָגן, אַז די רוסישע לידער, די רוסישע שטימונג איז אונז פרעמד, דאָס, זייט מיר מוחל, איז אין גאַנצען ניט ריכטיג. טור־געניעוו, גאָגאָל, טאָלסטאָי, גאָרקי, טשעחאָוו — זאַנען זיי דען פרעמד דער אידישער יוגענד? זאַנען זיי דען ניט באַליבט ביי אונז ניט נאָר ווייל זיי זאַנען טאַלענטפולע שרייבער, נאָר אויך ווייל זיי זאַנען אונז נאָהענט, ווייל מיר פאַרשטעהען זיי מיט אונזער ג אַ נ צ ע ן זין, מיר פיהלען זיי מיט אונזער ג אַ נ צ ע ר נשמה, מיט אַ ל ע אונזערע חושים, ווייל...

פּאַאולינע: (צו מאַרקוס'ן) זייט מיר מוחל, מאַרקוס, וואָס איך שלאָג איבער אייערע רייד (ווענדעט זאַך אויך צו ליאָווען) איר לאָזט זאַך מיר ביי־דע צו טיף אַריין אין לאַנגע דיספּוטן און איר וועט מיר אַזוי גאַנץ ווייט אַרייַנפאָרן אין הקירות און לסוף, איך בין זיכער, וועט איר זאַך, געוויינטלאַך, צוקריגען: איך קען דאָך (מיט אַ שמייכעי) אייך, קינדערלאַך, זעהר גוט. פאַרגעסט ניט, אַז מיר זאַנען אַף אַ שמחה: מ'דאַרף עסן, טרינקען, זינגען, מיט איין וואָרט, זאַך משמח זיין, אָבער דיספּוטן דאָס לאָזט אַף אַנ'אַנדער צייט. (צום עולם) מיין עצה איז: זאָל אונז ליאָווע מכבד זיין מיט אַ אידישעס ליד. וואָס זאָגט איהר, חברים?

(אַלע: אמת! פּאַאולינע האָט רעכט).

לענאַ: (צו ליאָווען) מאַכט ניט קיין שהיות און לאָזט זאַך ניט בעטן, (מיט אַ געלעכטער) אָט פּונקט, ווי איך, (טהוט אַ קוק אויפ'ן זייגער) די צייט געהט. שוין שפעט. נו, ליאָווע, ווייניגער הכנות — און זינגט!

ליאָריע: (קוקט אין דאָס ווײַטעניש) מיר זאָגען דאָ ווײַט פון אונזער היים, פון אונזער לאַנד... פון אונזער פאָלק... עלנד... פאַרטריבן... פאַריאָגט... (צום עולם, באַגײַסטערט) קומט אַלע, לעבעדיג, לוסטיג, אַלע צוזאַמען. זאָלען אונזערע שטימען צונויפגיסן זאַך אין דער מינוט אין אײן שטים, זאָלן אונזערע הערצער צונויפשמעלצן זאַך אין אײן האַרץ! מיר זאָגען יונג, שטאַרק מיר ווען גובר זײַן!

(זינגט)

«גרויסער גאָט! מיר זינגען לידער!
אונזער הילף ביסטו אַלײן!
נעמט-צעגויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן.
כאָר: נעמט-צענויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן.
לאָז די זון אונז בריהען, בראָטען,
זי האָט אונז געשײַנט צום גליק:
זעהט דאָס ברויט איז אונז געראָטען...
קינדער, קײנמאָל ניט צוריק!
כאָר: זעהט דאָס ברויט איז אונז געראָטען...
קינדער, קײנמאָל ניט צוריק»!

(אַלע: בראַוואָ, בראַוואָ!)

איליושאַ: גאָט צו דאַנקען, צוזונגען די וועלט, געטרונקען, געגעסען, פאַרוויכערט דעם צימער מיט אונזערע פּאַפּיראָסען, מ׳דאַרף האָבען דרך-ארץ און לאָזען אונזער ראָזען צורוה. לאָמיר איר ווינשען אַ גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות. (שטיל צו ראָזען) איר זײַט מיר עפּעס, ראָזע, דעם גאַנצען אָווענד פאַרטראַכט, פאַר׳דאגה׳ט, ווײַט פון אונז... ווי גליקליך דאַרף זאַך שעצן דער, וועלכער איז נאָהנט צו אײַער האַרצן... (טיפער זיפץ).

ראָזע: (צו איליושען) איר מײנט אַזוי?

איליושאַ: (מיט אַ זיפץ) לײַדער, האָב איך ניט קײן טעות... (מיט אַ העכערער שטימע) נו, אַ גוטע נאַכט, בעל-הבית׳טעטשקע, אַ דאַנק פאַר׳ן כיבוד...

(אַלע: אַ גוטע נאַכט, אַ דאַנק!)

פּאַאולינע: (אַרמט אַרום ראָזען) אַ גוטע נאַכט, ראָזעטשקע, צום ווידערזעהן! (קושט זי).

ראָזע: אַ גוטע נאַכט! אַ גרויסען דאַנק אײַך, פרײַנד מײַנע, וואָס איר האָט מיך ניט פאַרגעסן און אַזוי פיעל פאַרגניגען פאַרשאַפט מיט אײַער באַזוכן. (געהט-צו נאָהנט צו פּאַאולינען, לאַשטשעט זיך צו איר) אַלע געהען שוין אַוועק, מיר וועט אומעדיג זײַן. בלײַב מיט מיר, פּאַאולינעטשקע!

פ אַ א ו ל י נ ע: (צום עולם) וואָס טהוט מען מיט אַזאַ עופ'עלע: זי האָט דאָך מורא בלייבן אַליין. (צו ראָזען מיט ליבשאַפט) גוט, איך בלייב. פּיצעלע מיינס!

מ אַ ר ק ו ס: (צו פּאַולינען) און מיך וועט איר פריי מאַכען צו בעגלייטן אייך.

פ אַ א ו ל י נ ע: (צו מאַרקוס'ן מיט אַ שמייכל) נו, ס'אַ קאַוואַלער איר זייט!

(אַלע: אַ גוטע נאַכט! ביז מאָרגען! אַ גוטע נאַכט! געהען אָפּ מיט געזאַנג:

Gaudeamus igitur,
Juvenes dum sumus.

(לאַנגע פּויזע. אין צימער אַ מיסטישע שטילקייט).

(ראָזע קוקט דורכ'ן פענסטער אין דאָס פינסטערע ווייטעניש. פּאַאולינע ביים טיש מאַ מאַכט צורעכט די האָר).

ר אָ ז ע: האָסטו אים היינט געזעהן?

פ אַ א ו ל י נ ע: ניין.

ר אָ ז ע: זאָג מיר דעם אמת, אפשר איז ער ניט געזונד. שוין אַ פּאָר טעג ניט געזעהן אים. אין אוניווערזיטעט איז ער אויך ניט געווען?

פ אַ א ו ל י נ ע: איך ווייס ניט. אפשר איז ער געווען, נאָר איך האָב אים ניט געזעהן.

ר אָ ז ע: (געהט-צו צום פענסטער. פאַרטראַכט. רעדט צו זיך) קען דאָס זיין? מאַקס? גאָר פאַרגעסן אַף מיין געבורטסטאָג? מאַקס, מאַקס!..

(קליינע פּויזע).

(געהט-צו נאָהנט צו פּאַאולינען, לייגט צאַרטליך אירע בײדע הענד אַף פּאַאולינעס אַקסלען) פּאַאולינעטשקע, דו ווייסט גאַנץ גוט און פיהלסט. אַז איך ליב דיך מיט'ן גאַנצען האַרצן, אַז איך בין דיר טריי און נאָהנט, ערלויב מיר שטעלן דיר אַזאַ פראַגע, וועגן וועלכער מיר האָבן שטענדיג געשוויגן... די פראַגע האָט אַ שייכות נאָר צו מיר.

פ אַ א ו ל י נ ע: (ניי־געריג) צו דיר? פרעג!

ר אָ ז ע: זאָג מיר, האָסט דו געליבט סערגייען אַזוי שטאַרק, ווי איך מאַקס'ן, אַזוי פיל מקריב געווען און געליטן פון דיין ליבע. ווי איך פון מיינער?

פ אַ א ו ל י נ ע: (בלאַס, נערוועאיש) ראָזעטשקע, נאָך וואָס דערמאָנסטו אַ מענשן, וועלכער איז פאַר מיר אַף אייביג אָבגעשטאָרבן, מיט גראָז באַ־דעקט... צוואָס? דו, ראָזעטשקע, ביסט פיל גליקליכער פון מיר: איך האָב סערגייען געליבט שטאַרק, אונזיניג, מיט מיינע גאַנצע געפיהלען, מיט אַלע מיינע כחות, מיט אַלע חושים (אייפגערעגט), מיר דוכט זאַך, אַז אין מיין קערפּער איז ניט געווען אפילו איין נערוו, וועלכער זאָל אין גאַנצן ניט געהערן אים, און ער... ניט געליבט... אָבער דו... ליבסט... און שטאַרק געליבט...

(קליינע פּויזע).

ר אָ ז ע: און שטאַרק געליבט. זאָגסטו? היינט פאַר וואָס מוטשעט ער מיך אַזוי? זעה: היינט איז מיין געבורטסטאָג, מיין שמחה. פרעמדע מענשן זאַנען געקומען מיך גראַטולירן, און ער, מאַקס, דער ליבסטער, דער שענסטער און דער בעסטער פריינד מיינער, איז ניט געווען... ניין, איך הויב-אָן צו צווייפלען אין זיין ליבע צו מיר! דו געדיינקסט, פאַאולינעטשקע, מיר האָבן געלעזן ביי מערעזשקאָווסקען: «ווי זיס ס'איז צו זיין געליבט, ליבען איז פונדעסטוועגן זיסער». וואָס זאָגסטו, אפשר איז אַזוי?.. (פאַרטראַכט זאַך אויף אַ סעקונדע) ניין, פאַאולינעטשקע! אָן ליבע האָט דאָס לעבן קיין צוועק, אָן ליבע איז אונמעגליך צו לעבן, (אַרמט זי אַרום) אָן מאַקס'ן האָט מיין לעבן ביי מיר קיין ציעל, קיין ווערטה!.. (טאָכט זאַך פריי פון פאַאולינעס אָרעמס) צו טיף איז ער איינגעבאַקען אין מיין האַרצן! צו טיף!.. צייטענווייז דוכט מיר, אַז מאַקס פאַרלאָזט מיך, און דאַן... (ווייינט שטיל).

פ אַ א ו ל י נ ע: (ווי צו זיך) אַזוי געהען אַרום אַף דער ערד צובראָכענע הערצער... עלענדע... איינזאַמע... (אַרמט אַרום ראָזען) ראָזעטשקע, דו האָסט ניט לאַנג געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז שיין, יע, שיין. אָבער מ'מוז עס פאַרשטיין... גוט פאַרשטיין... ס'ווייזט אויס, אַז מיר זאַנען פרעמד פון אים און ווען ביז'ן טויט ניט פאַרשטיין...

(לאַנגע פויזע).

(ס'הערט זאַך אַ קלאַפּ אין טיר).

דאַכט זאַך, מ'קלאַפּט אין טיר.

(די קלעפּ ווערן שטאַרקער, דרייסטער).

ר אָ ז ע: (מיט אַ דערשראָקענעם קול) ווער איז דאָרט?

(אַ ענערגישער קול: איך!)

אַ, מאַקס, געהט אַריין, ביטע!

מ אַ ק ס: (אין האַנד אַ גרויסער בוקעט פון ראָזן און פרילינגס-בלומען) גוט'ן אָוונד, ראָזעטשקע! מזל טוב! בליה אייביג, ווי די בלומען (ווייל זי אומאַרמען. בעמערקט פאַאולינען, צו פאַאולינען מיט אַ קול, אין וועלכען ס'הערט זאַך אַ ביסל אינצופרידנהייט) אַ, פאַאולינע, גוט'ן אָוונד! (צו ראָזען) זייט מיר מוחל, ראָזע, וואָס איך בין אַזוי שפּעט געקומען.

ר אָ ז ע: (אַ גליקליכע) אַ גרויסען דאַנק אייך, מאַקס, פאַר אייער וואונש! מיט דעם, וואָס איר זייט שפּעט געקומען, האָט איר זיך אַליין געשטראָפט מיט אייגענע הענד. (שמייכלט) איר זעהט: ליידיגע פלאַשען... דעם ווײן האָבן מיינע געסט ביז'ן דעק אויסגעטרונקען און אויך דעם גאַנצען כיבוד אויפגעגעסען... אמת, ס'איז אַ גרויסע שטראָף?... דאָך עסט זאַך ניט אָב, מאַקס, דאָס האַרץ: אָן אייך האָב איך אויך ניט פאַרגעסן און באַהאַלטן אַ ספּעציעלע

פלאַש וויַין. (ברייַנגט אַ פלאַש וויַין) איר זעט? (גיסט אָן אַ כּוס).

מאַקס: אַ גרויסן דאַנק אייַך, ראָזע, פאַר אייַער גוט - האַרץ און פאַר אייַער זכּרון. וואָס גיסט איר אָן נאָר איין כּוס? און פאַר זיך? פאַר פּאַאולינען? גיסט אָן אַלע באָקאַלן פול, שעמט זאַך ניט, און לאָמיר טרינקען אַלע צוזאַמען ביז׳ן דעק, פאַר׳ן געזונד און גליק פון אונזער טייַערע בעל-שמחה׳טע! (אַלע טרינקען) איצט (גיסט אָן אַ צווייטן כּוס, נעמט אים אין האַנד און הייבט אים אויף אַ ביסעל הויך) הויב איך מייַן באָקאַל פאַר די אמת׳ע, רייַנע ליבע, וועלכע ברענט אייביג, ווי אַ הייליגער פייַער! לעבן זאָל די אמת׳ע, רייַנע ליבע (טרינקט. ראָזע קוקט אויף אים מיט גרויס ליבשאַפט).

פּאַאולינע: (צו מאַקס׳ן מיט אַ ביטערן שמייכעל) «לעבן זאָל די אמת׳ע, רייַנע ליבע», זאָגט איר! וואו איז זי די אמת׳ע... רייַנע... ליבע? (ענערגיש) איך בין גרייט צו לויפן הונדערטער, טויזענדער ווערסטן, אַבי כאָטש אַ קוק געבען אויף איר... ווי זעט זי אויס... רייַנע ליבע... ביי אייַך... מענער... ניין! (אין איר קול הערט זאַך ליידן, שמערצן) איר קענט נאָר צובּרעכן, ווי שפּענדלעך, אונזערע הערצער. (וואָס ווייטער ווערט איר קול שטאַרקער און שטאַרקער) אויסלאַכן זאַך פון אונזערע זיסע, שייַנע חלומות, אָנטרינקען זאַך, ווי שכּורים, מיט אונזער ליבע, אָנשמעקן זאַך מיט׳ן ריח פון אונזערע בלומען, וועלכע מיר, פרויען, טראָגן צאַרטליך אין אונזער האַרצן, און נאָכדעם... טרעט איר אונז מיט אייַערע פיס, מאַכט אונז נידריג, קליין... ע, מאַקס, מאַקס! לאָמיר לאָזן די ליבע צורוה, נאָר ערלויבט מיר אויפהויבן מייַן פאַנטאַסטישן טאָסט פאַר די אמת׳ע פרייַהייט, פערזענליכע און אַלגעמיינע! לאָמיר טרוימען פון אַזאַ שיינער און גליקליכער צייַט, ווען נאָר די פרייַהייט וועט הערשן איבער אַלעמענס הערצער, ווען זי וועט זייַן די בעל-הבית׳טע אין יעדען כּלל און פּרט-לעבן, ווי גוט וואָלט דאָס געווען... (מיט אַ צאַרטן שמייכל ווער ווייס, אפשר וועט אויף אונז, פרויען, פאַלן דער גליקליכער גורל און מיר וועלן הערשן איבער אייַערע, מאַנסבילשע, הערצער! ווי דערלעבט מען די גוטע, שיינע צייַט! (מיט אַ בערוהיגטן קול) צו וועל איך דערלעבן, צי ניט, זעהן אויף אייַך, מענער, כאָטש אַביסל נקמה, דערווייַל דאַרף מען געהן אַ היים... צו זיך... (צו ראָזען) אַ גוטע נאַכט, ראָזעטשקע! (קושט זי) אַ גוטע נאַכט, מאַקס! געדיינקט אייַער טאָסט: לעבן זאָל אייביג די אמת׳ע, רייַנע ליבע!

מאַקס: (צו פּאַאולינען. קוקט אויף ראָזען) פּאַאולינע, זאָרגט ניט! מייַנע ווערטער דאַרפט איר מיר ניט דערמאָנען: איך געדיינק זיי גאַנץ גוט!

פּאַולינע: זעט זשע! נו, אַ גוטע נאַכט! (רעָזע אין מאַקס: אַ גוטע נאַכט. אָב)

מאַקס: פּאַולינע איז עפּעס היינט זעהר נערוועז, אויפגערעגט. איך זעה איהם צום ערשטען מאָל אין אַזאַ שטימונג. צו מיר האָט זי גערעדט מיט כּעס, מיט רוגזה, געשטאָכן... וואָס איז די סיבּה? דו האָסט זאַך געוויס געקלאָגט אַף מיר? זאָג דעם אמת!

ראָזע: אמת, נאָר איך בּין שולדיג אין איר שלעכטער שטימונג: באַך איידער דו בּיסט געקומען, האָב איך איר דערמאָנט סערגייען— איר שטאַרקן ווייטאָג! זי זאָגט אַפילו, אַז זי האָט אים שוין לאַנג פאַרגעסן, נאָר ס'דאַכט זאַך איר... זי רעדט זיך איין... דער וואונד איהרער, ווי איך פאַרשטיי, איז נאָך בּיי איר פריש... ס'רינען נאָך טראָפּען וואַרעמע בּלוט... מיין אומגליקליכע פריינדין! זאָג, מאַקס, איז דען פּאַולינע ניט גערעכט, ווען זי האָט געזאָגט, דאָס איר, מענער, קענט נאָר צוברעכן, ווי שפּענדלאַך, אונזערע הערצער... און נאָכדעם... וואַרפט איר אונז אַרויס! מאַקס, איז דאָס מעגליך, אַז דו, מיין געליבטער, (רינגעלט אַרום זיין האַלז) זאָלסט צובּרעכן דאָס האַרץ פון דיין ראָזען און אַרויסוואַרפן זי, ווי אַ ניט-בּוצענדע כּלי?.. קען דאָס זיין?..

מאַקס: וואָס רעדסטו, מיין נאַרישע ווייבּעלע, מיין לעבן, מיין גלויבן, מיין האָפנונג! (קושט זי) וואָס רעדסטו? ווייסטו דען ניט, אַז מאַקס איז ניט סערגיי און ראָזע, נעם זאַך נאָר ניט איבּער, איז ניט פּאַולינע! טהו נאָר אַ קוק אַף זיך: ווי שיין דו בּיסט איצט! ווי גליקליך איך בּין, ליבּענדיג דיך! (קושט זי).

ראָזע: מיין ליבּער און שיינער מאַקס! דו בּעכשופ'סט מיך מיט דיינע ווערטער! פון דיינע קושען ווער איך שכּור, אַט פונקט, ווי נאָך דעם שטאַרקסטן וויין! מאַקס, איך וויל גלויבּן, איך גלויבּ אין דיין אמת'ע ליבּע! ניט ליבּנדיג, קען מען אַזעלכע ווערטער פון מויל ניט אויסריידן, ניט ליבּנדיג, קען מען אַזוי הייס ניט קושען, אַזוי שטאַרק אַרומאַרמען!.. זאָג מיר, מאַקס, ווי אַזוי האָסטו היינט געקענט איינזיצען בּיי זיך? אַ גאַנצן טאָג ניט צו בּאַווייזן זיך? ניט געקומען אַף מיין שמחה, אַף מיין געבּורטסטאָג - אַף אונזער בּיידנס יום-טוב! שלעכטער, (בּרוזיאַך מיט קאַפּריז) דו האָסט מיך ניט ליבּ! דו לייגסט מיר! (קליינע פּויזע) בּאַלד בּיסטו גאָר פריי: איך פאָר מאָרגען אָפּ און דו וועסט געוויס גלייך פאַרגעסן די צלענדע ראָזע! די לעצטע שעה'ן זאָגען מיר דאָך צוזאַמען!..

מאַקס: וואָס רעדסטו, נאַרעלע מיינע! ווי פאַלט עס דיר אויפ'ן מוח צו צווייפלען אין מיין ליבּע! מעהר פון פיר שעה בּין איך געשטאַנען, ווי אַ ריטער פון אַמאָליגע יאָרן, בּיי דיין פענסטער און

מײַנע ליפּן האָבן געשעפּטשעט דײַן נאָמען! מיר האָט זאַך ניט געוואָלט זײַן בײַ דיר צווישן אַלע דײַנע געסט און שפּילן אַ ראָליע פון אַ «חבר», אַ «גוטן פרײַנד»... איך האָב געוואַרט ביז דײַנע חברים און גוטע פרײַנד וועלן לסוף אַוועקגעהן. און איך לויף צו מײַן נאַרישע ראָזעטשקע! (קושט זי) אַ גרויסן דאַנק קומט דײַן מאַמען, וואָס זי האָט דיך געבאָרן אין מאַי. ווען, חלילה, אין דעצעמבער, וואָלט איך שוין לאַנג פאַרפרוירן געוואָרן, שטעהענדיג פיר שעה אויפ'ן גאַס (בײדע לאַכן).

ר אָ ז ע: (אַ צופרידענע, גליקליכע) ווי גוט איז מיר איצט, מאַקס! ווי גליקלאַך איך בין! אַרעם מיך אַרום שטאַרק, מיט אַלע דײַנע כחות! זאָל הײַנט ברענען אונזער ליבע, ווי אַ פײַער, און מאָרגען?.. פרעג ניט: ווײַט פון דיר! דער צוג וועט לויפן איבער בערג און טאָלן, וועלדער און פעלדער, און וועט אונז דערווײַטערן אײנעם פון דעם אַנדערן... געדײַנק זשע, מאַקס, וואָס ווײַטער איך וועל זײַן פון דיר — בין איך אַלץ נעהנטער צו דײַן האַרץ, צו דײַן נשמה... מאַקס, קען מען דען פאַרגעסן אַזאַ ליבע! אַ ליבע, וועלכע ווייס ניט קײַן גרענצן, קײַן „טאָר” און קײַן „טאָר ניט”, וועלכע איז גרייט יעדע מינוט אויפ'ן גרעסטן קרבן! מאַקס, דו הערסט? פאַרלאָז ניט דײַן ראָזען! פאַרגעס ניט דערצו, אַז זי איז אַ טאָכטער פון פרומע אידישע עלטערן...

מ אַ ק ס: (קוקט פאַרטראַכט) מײַן טײַערע, הײליגע!

ר אָ ז ע: נו, מאַקס, דער זײַגער שטעהט ניט. (דער זײגער שלאָגט 12) די צײַט געהט. וואָס ווערסטו מיר זאָגן צום אָבשייד?

מ אַ ק ס: פיר ווערטער: איך ליב דיך שטאַרק! (פאַרטראַכט זאַך).

ר אָ ז ע: דאָס גאָר?! דו שווייגסט מיר עפּעס! דו ביסט פאַרטראַכט? (אין קול הערט זאַך אומרוהיגקייט).

מ אַ ק ס: איז דיר דען ווייניג די פיר ווערטער?

ר אָ ז ע: אָ, ניין... מיר איז גענוג... גלאַט אַזוי... איך פאַר דאָך אָפּ אַף אַ לענגערע צײַט, איך דענק, דו האָסט מיר וואָס צו זאָגן... מעהר, ווי פיר ווערטער!

מ אַ ק ס: (פאַרטראַכט, קאַלטלאַך) גאָר נישט! אַלץ געזאָגט!

ר אָ ז ע: (מיט גרויס אומרוהיגקייט. דער קול וויברירט) מער גאָר נישט?

מ אַ ק ס: וואָס נאָך דען ווילסטו?

ר אָ ז ע: (מיט אַ ביטערן שמייכעל) איך... וויל גאָר נישט... מײַן ניט. מאַקס, אַז מײַן בקשה צו דיר, דו זאָלסט מיך ניט פאַרגעסן און געדענקען, דאָס איך בין אַ טאָכטער פון פרומע עלטערן — איז אַ ערנסטע! ניין, דאָס זאָגן נאַרישע ווערטער, וואָס זאָגן גלאַט פון מויל

אַרויס. איך האָב צו דיר גאָר נישט, גאָר נישט, קיין ביטע... חוץ איינע... די בקשה מיינע מוזט דו דערפילן... ניט פאַר זיך בעט איך... ניין... פאַר «אים»... פאַר אונזער קינד, וועלכן איך פיהל אונטער מיין האַרצן... אַ קינד דאַרף וויסן זיין פאָטער... (וויינט) „אים"—פאַרגעס ניט!.. מיך... ווי דיין האַרץ זאָגט דיר... (פאַלט אויפ׳ן קושעטע. נעמט אַרום מיטביידע הענד דעם קאָפּ. וויינט האַרץ-רייסענדיג).

מאַקס: ווי?.. אַ קינד?... פאַרוואָס האָסטו געשוויגן?.. פריהער ניט געזאָגט?.. (אין זיין שטימע הערט זיך כעס. גרויס אונצופרידענהייט און פחד) געהאַלטן בסוד!.. מ׳האָט דאָך געקענט... אפשר... איז נאָך ניט שפעט?... (זאָגט איר אַ סוד אין אויער).

ראָזע: (הויבט אויף איר קאָפּ, קוקט אַף אים מיט אויגן פול מיט פחד, אַזוי ווי איינער פאַלט אָן אַף איר און וויל אַרויסרייסן ביי איר די טייערסטע זאַך. די פיגור איהרע, וואָס מיט אַ מינוט צוריק איז אין איר געווען מוטהלאָזיגקייט, שוואַכקייט, אָן אַ פונק האָפנונג, איז מיט אַ מאָל שטאַרק געוואָרן, אויסגעוואַקסן, הויך און שטאָלץ. חאַפּט זיך אויף האַסטיג פון שטול, שטעלט זיך קעגן מאַקס׳ן נאָהנט, קוקט אים אַריין אין זיינע אויגן און גלייך קערט זי זיך ענערגיש אָב פון אים אַף אַ פּאָר טריט) וואָס?... וואָס מיינסטו?... איך וועל מיט מיינע אייגענע מוטערשע הענד הרג׳נען מיין קינד?... (ברעכט די הענד) אָ, ווי פאַרבלענדעט איך בין געווען... (וויינט) שפעט... צו שפעט האָבן זאַך מיר די אויגן געעפנט... פאַרפאַלן... (אָבגעווישט די טרערן. אַלע אירע בעוועגונגע זאַנען האַסטיג, מאַשינעל, זי איז אין גאַנצן—היילע אינערציע) גענוג!... אין די סעקונדן בין איך אַ סך קליגער געוואָרן... איצט פאַרשטיי איך אַלץ... (מיט האַס) שרעק זאַך נאָר ניט, מאַקס! איך האָב צו דיר קיינע טענות... קיינע פאָדערונגען, קיינע ביטע אַפילו... ביטע? (ווי זי פרעגט ביי זיך. קליינע פויזע) ניין... ניין... קוויט... איך נעם דעם גאַנצן «שולד» (רעדט אַרויס שאַרף, שטאַרק) אַף זיך, אַף מיין קאָפּ... דו? דו ביסט ניט שולדיג! איך האָב דאָך געליבט... געגלויבט... געטרוימט... געהאָפט... דו? דו ביסט פריי, אין גאַנצן פריי!.. נאָר דאָס געדיינק: (מיט גרויס ענערגיע, מיט אַלע כחות. שטאַרק, קאַטעגאַריש) «אים»... אַז «ער» וועט גרויס ווערן, וועל איך דערציילן, ווי אַ פאָטער האָט געוואָלט זיין אַ גזלן... הרג׳נען זיין אייגן קינד... נאָר «אים» וועל איך ענטדעקן און דערציילן אָט דאָס, וואָס איך לעב-איבער אין די מינוטן (צוויייגט זאַך. קליינע פויזע. ווישט אָב האַסטיג די טרערן. גיהט-צו אים נעהנטער) נו, מאַקס, איך בין מיד! לאָזט מיך אַליין... מיט זיך... מיט «אים»... זייט געזונד און גליקליך!...

מאַקס: (קליין, פאַרלאָרען, שטעהט אַ סעקונדע ווי אַ „פאַרשטיינערטער", געפינט ניט קיין ווערטער) ראָזעטשקע, ראָזעטשקע, מיין לעבן, מיין טייערע! (וויל זי אַרומנעמען. זי רייסט זאַך אַרויס פון זיינע אָרעמס).

ר אָ ז ע: ווי קען מען אין אַזעלכע מינוטן סאַנטימענטאַלע און טעאַטראַלע־שטיק שפּילן! פֿאַלשע ווערטער פון מויל אַרויסרייַדן! (מיט ווייטאָג) אַ שאַנדע!

מ אַ ק ס: ראָזעטשקע, ראָזעטשקע! וואָס איז מיט דיר? איך דערקען דיך דאָך ניט! גאָר אַן אַנדערע!

ר אָ ז ע: יע, אַן אַנדערע! מיט עטליכע מינוטן צוריק איז פֿאַר דייַנע אויגן געשטאַנען אַ פרוי, וועלכע האָט שטאַרק געליבט און מקריב געווען זאַך פֿאַר דער ליבע... איצט אָבער... אַן אַנדערע... מיט אַ מאָל עלטער געוואָרן אַף צענדליגער יאָהרן... און אויך קליגער... גענוג! זייַט געזונד און גליקלאַך!

מ אַ ק ס: נייַן, ראָזעטשקע, מייַן געליבטע... די זעלביגע... מייַן ראָזעטשקע...

ר אָ ז ע: (קאַטעגאָריש, שטאַרק) גענוג!.. ס'דאַרף נעמען אַ סוף! (דער קול איהרער ווערט שוואַכער, און אויך די כחות) זייַט געזונד! (פֿאַלט אַף דער סאָפע, בע־גיסט זאַך מיט טרערן)

מ אַ ק ס: וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?...

(פּ ויז ע)

ר אָ ז ע: (הויבט זאַך אויף פון דער סאָפע, שטאַרקט זאַך מיט אַלע כחות, „נעמט זאַך אין די הענד", אָבער דער קול איהרער איז שוואַך) די בעסטע זאַך: לאָזן מיך צורוה!

מ אַ ק ס: אַ סוף, אַ סוף ווילסטו! גאָט מייַנער, ס'אַר אַן אומגליק!

ר אָ ז ע: (נאָך אַ אינערליכן קאַמפּף, וועלכער געווערט עטליכע סעקונדן-אייביגקייטן, רעדט אַרויס שאַרף, שטאַרק, קאַטעגאָריש) יע, אַ סוף! (בעווייזט אַף די טיר. מאַקס, נידריג, שטעהט עטליכע סעקונדן אַף איין אָרט, ווייס ניט וואָס צו טאָן. פריבט צוגעהן צו איר. ראָזע מאַכט מיט דער האַנד: ניין, ניין. מאַקס שטעהט ווידער עט־ליכע סעקונדן אַף איין אָרט. לויפט אַרויס פון צימער, ווי מ'וואָלט שיסען הינטער אים. ראָזע שרייט אויס מיט אַ ביטער קול) מאַקס, מאַקס! (פֿאַלט אַפּ'ן סאָפע, היסטערישער געוויין. לאַנגע פּויזע. קומט צו זיך אַביסל. הויבט זאַך אויף לאַנגזאַם, געהט איבער'ן צימער אַהין און צוריק, ברעכט די הענד, געהט צו צום שרייב-טיש, נעמט פּאַולינעס בילד, קוקט עטליכע סעקונדן, שאָקלט מיט'ן קאָפּ) „אַזוי געהען אַף דער ערד צובראָכענע הערצער, עלענדע, איינזאַמע" — הייליגע ווערטער! «ווי שפּענדלאך ברעכן זיך אונזערע הערצער. טרעטן מיט זייערע פיס אונזערע שענסטע בלומען, לאַכן זאַך אויס פון אונזערע זיסע, שייַנע חלומות!» פּאַ־אולינעטשקע, דו ביסט ניט עלענד: אָט איז נאָך אַ לייַדענדע נשמה! צו וואָס? צו וואָס? צו וואָס?

(פֿאַלט אַף דער סאָפע. וויינט האַרצרייסענדיג).

(פֿאָרהאַנג זעהר לאַנגזאַם).

צווייטער אקט.

אַ גרויס עס-צימער ביי לייזער זילבערשטיין. אָפּין מעבל ליגט אַ סימן פון רייכ-
קייט, וועלכער בעווייזט, אַז די בעלי-בתים זאַנען געווען גאַנץ תּקיף.

(זילבערשטיין אין אַ זיידענע יאַרמאָלקע געהט לאַנגזאַם איבער׳ן צימער אַהין און
צוריק, די הענד אַף הינטן, טיף פאַרטראַכט).

(מלכּה געהט אַריין)

מ ל כּ ה: וואָס איז מיט דיר, לייזער? דו געהסט אַרום אַ פאַרטראַכטער,
אַ פאַרטיפטער אין דאגות... היינט מעהר, ווי אַלע מאָל. וואָס
איז מיט דיר? פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָר ניט?

ל י י ז ע ר: גלאַט... ס׳טראַכט זאַך... וועלכער איד, מלכּה, האָט ניט קיין
דאגות... בפרט מיר... איצט...

מ ל כּ ה: ניין, לייזער! איך פיהל: דו באַהאַלסט עפּעס פון מיר. כּמעט
דרייסיג יאָר, ברוך השם, זינט מיר לעבן צוזאַמען, און דו האָסט
קיין איין מאָל אַפילו ניט באַהאַלטן פון מיר קיין מחשבה, קיין
דאגה, קיין סוד... און איצט, אַף די עלטערע יאָהרען, זאַנען
«זשמורקעס» גאָר ניט פּאַסיג.

ל י י ז ע ר: ביסט גערעכט, מלכּה! נאָר איך בעט דיך רחמים — איַל מיך ניט...
איך וועל פון דיר, חלילה, קיין סוד ניט באַהאַלטען... וואַרט אַ
ווײַלע... זאָג, מיר, וואָס מאַכט רייזעלע? ווי פיהלט זי זיך? און...
דאָס פיצעלע?

מ ל כּ ה: גאָט צו דאַנקען ניש׳קשה! רייזעלע קען זאַך אַף אים ניט אָנ-
קוקן, מיט גוואַלד רײַס איך אים אַרויס פון איהרע הענד. זי צו-
קושט אים אַלע זײַנע גלידערלאַך. אַי, אַ אינגל! אָן בײַז אויג,
אַ פאַרשויך! די מאַמע, זאָל געזונד זײַן, ניאַנטשעט אים. אָבער...
וואָס וועט זײַן ווײַטער? (מיט אַ זיפץ) מ׳דאַרף דאָך אים פאַר-
שרייבן... מאַכן אַ ברית...

ל י י ז ע ר: אַ ברית וועלן מיר, אם ירצה השם, מאַכן און פאַרשרייבן אויך...
ווי ס׳איז... וואָס זאָל מען טאָן? (זיפצט טיף) איך ווייס ניט, מלכּה,
פאַר וועלכע זינד שטראָפט אונז גאָט! אַ טאָכטער, מיט לײַטען
גלײַך, אַ בת יחידה, שיין ווי גאָלד, אַ זעלטען קינד, און אַזוי
פיל צרות, אַזוי פיל האַרצרייסעניש... (אַ טיפער זיפ מיך אַרט
שוין גאָר ניט אונזערע, עלטערענס, הרפּה, נאָר איהרע צרות,
איהר טיפען ווײַטאָג קען איך גאָר ניט אַריבערטראָגן! רבונו
של עולם!...

מ ל כ ה: די זינדיגסט, לייזער! דער אויבערשטער וועט זאַך אַף אונז דערבאַרעמען, און מיר וועלן נאָך פון איהר נחת האָבן, אָנשטאַט די צרות און די שאַנדע! (זיפצט) איך בין אַ גרויסע מאמינ'טע, און ער—(הייבט אויף די אויגן) וועט זיין חסד פון אונז ניט אָפּטאָן!

ל י י ז ע ר: אַף נחת האָפסטו נאָך?... (פויזע).

(הינטער דער סצענע הערט זאַך אַ שטילער וויג-געזאַנג פון אַן'אַלטער שטים:

אָי, אָי, אָי ליו-ליו, אָי ליו-ליו, אָי ליו-ליו).

(חוה-ליפשע קומט).

חוה-ל י פ ש ע: אַנשלאָפן געוואָרן, אַי אַ אינגל, אָן עין הרע אַן'אַנטיקל! ברוך השם, אַליין אויסגעטראָגן און אויסגעהאָדעוועט • אַכט קינדער, זאָלן לעבן און געזונד זיין, ביי מיינע גוטע פריינד אויך אָנגע-קוקט זאַך אַף קינדער, נאָר אַזאַ פאַרשוין טרעפט זאַך גאָר ניט! אַזאַ חכם! אַודאי וועט ער האָבן אַ ממזר'שן קאָפּ!

ל י י ז ע ר: שוויגער...

מ ל כ ה: מאַמע...

חוה-ל י פ ש ע: מיין שמחה, קינדערלאַך, קענט איר גאָר ניט פאַרשטיין, אַז איר וועט, אם ירצה השם, דערלעבן צו ביאַנטשען אור-איינִיק-לאַך, וועט איר ערשט דערפילן דעם טעם! (געהט-צו צום פענסטער און ווישט די הענט אָן די שויבן) ברוך הבורא, וואָס איך האָב דער-לעבט צו האַלטן אַף מיינע אַלטע הענד מיין רייזעלעס קינד! אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דיין גרויסן חסד! איך האָב זאַך גאָר פאַררעדט: מ'דאַרף דאָך געהן צו דער קינפעטאָרן (אָב).

(אלי'-ליב קומט).

א ל י'- ל י ב: נו, קינדערלאַך, איך האָב שוין אַלעמען אין בית מדרש אָנגע-זאָגט די בשורה טובה, אַז רייזעלע האָט געהאַט אַ אינגל אין אַ גוטער און מזל'דיקער שעה! וואָס מאַכט זי, די קינפעטאָרן? איך וויל געהן צו איהר געוואָר ווערן און פאַרבייגעהנדיג (רעדט מיט ליבשאַפט) אַ שנעל טאָן אין נעזל דעם קליינעם יונגאַטשל, געזונד זאָל ער נאָר זיין, רבונו של עולם, און מיר זאָלן דערלעבן צו זיין בר-מצוה און נאָכדעם פירען איהם צו דער חופה. (מיט אַ העכערן קול) ווי דערלעבט מען נאָר, פאָטער הארציקער! (הייבט אויף די אויגן צום הימעל).

(ס'הערט זאַך חוה-ליפשעס קול הינטער דער סצענע: „אלי'-ליב, וואָס באַלאַמוטשעסטו דאָרטן? קום אַהער גיכער אין האָב נחת פון אינזער עופ'עלע").

איך געה שוין! (אָב).

ל י י ז ע ר: דער שווער און שוויגער ווייסן ניט פון אונזער וויטאָג (זיפצט פּויזע, געהט אַהין און צוריק). חוץ די גרויסע צרה, איז פאַרהאַן ניט ווייניג קלײנע דאגות, וועלכע עגבערן אויף דעם מוח... ס׳געהט דאָך צפּעס... אַ שמחה... אַ ברית... ס׳ווילט זאַך מאַכן אַ שיינעם ברית... מ׳מוז דאָך דעם ווייטיג אין זיך שטיקן... דעם שווערן שטיין אין האַרצן פּרעסן... קיינער טאָר דאָך ניט וויסן, וואָס ס׳טהוט זאַך דאָ... (באַווייזט אַפּין האַרצן. זיפצט טיף). וואָס טהוט מען? געלט איז ניטאָ... מ׳דאַרף זעהן שאַפן עטליכע רובל. וואָס זאָגסטו, מלכה?

מ ל כ ה: וואָס זאָל איך זאָגן? מיין עצה איז, מ׳דאַרף זאַך ניט שעמען און בעטן אַ גמילות חסד ביי יענקלען; געווען ביי אונז אַזוי פיל יאָהרען אַ מענש, און אַז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער איז תקיף, איז ניט קיין עולה, ער זאָל אונז העלפן אין אַזאַ שווערער צייט. (זיפצט) אַף מוזיק וואַרפט ער דאָך מאַסען געלד. עטליכע רובל שפּילען ביי אים בכלל קיין שום ראָליע. בפרט וואָס מיר בעטן קיין נדבה, חלילה, נאָר אַ גמילות חסד. ער וועט דיר געוויס ניט אָבזאָגן.

ל י י ז ע ר: אָט דוקא דערפאַר וויל איך זיך ניט ווענדן צו אים. (חאַפּט זיך פאַר׳ן שטערן) זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז און פון אונזער אָרימקייט, ווי איך ווייס צו וועמען טהוט מען זאַך אַ קער. אַ קלייניגקייט, אַזעלכע בעלי חובות! מ׳וועט אונז באַלד רייסן פאַר די פּאָלעס ניט לאָזן אַ גאַס דורכגיין. וואָס טהוט מען? (זיפצט).

מ ל כ ה: דו ווייסט וואָס, לייזער, לאָמיר גאָר פאַרקויפן מיין גאָלדענע קייטל. ד׳ נתן, ד׳ לקח- גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען... איך האָף, גאָט וועט אונז העלפן. נעם אַ ביישפּיל פון יענקלען: געווען ביי אונז אַ מענש, אַ משרת, אַף שליחות, און איצט? —אַ גביר אַדיר, אַ פאַבריקאַנט, אַ גאַנצע סדרה- יעקב גורעוויטש!

ל י י ז ע ר: (געהט איבער׳ן צימער און רעדט מיט זיך) די גאָלדענע קייטל, זאָגסטו, מיין מתנה... מיר טראָגן אַרויס צו ביסלעכווייז אַלץ, וואָס מיר האָבן מיט שווייס אָנגעלעבט אין משך פון פיל יאָרן... באַלד דאַרף מען זאַך נעמען צום מעבל... צו רייזעלעס פּיאַנע... (זיפצט) צו מיין פידל... אַ איד, אַ קבצן, דאַרף ניט קיין זאַלן, קיין פּיאַנעס... קיין פידל... לייזער זילבערשטיין, דער געפאַלענער בעל הבית, דער גרויסער בעל חוב קען באַשטעהן אָן מוזיק... (זעצט זיך ביים טיש פאַרטראַכט).

(אלי-ליב קומט).

אלי׳־ליב: האָסטו, לײזער, אַנ׳אײניקל, אַ צאַצקע... געזונד זאָל ער נאָר זײַן און האָדעװען זאָך אין עושר. די לעצטע העמד אױעקגעבן, אַבי נאָר זײַן אַ גביר (זיפצט).

(אָב און קערט זאָך גלײך צוריק).

יע, לײזער, איך האָב גאָר פאַרגעסן דיר זאָגן: איך בית מדרש האָבן עטליכע בעלי בתים אַ פרעג געטהאָן, װאו איז רײזעלעס מאַן? מ׳הערט פון אים עפּעס קײן װאָרט! צי װעט ער קומען אױפ׳ן ברית? איך האָב זײ געענטפערט, אַז רײזעלעס מאַן איז זעהר פאַרנומען מיט זײַנע עסקים און קען זאָך ניט אָברײַסן. לײזער, די יונגע לײט הײַנטיגע פאַרגעסן פאַר האַװענעש און צוליב פרנסה אַף װײַב און קינדער, אַף דער גרעסטער שמחה אַפילו.

לײזער: (מיט גיפּס) אמת, שװער, זײַנע עסקים ערלויבן אים ניט צו קומען!

אלי׳־ליב: װעלן מיר, אם ירצה השם, פּראַװען אַ ברית אָן אים. קען ער ניט קומען אַפ׳ן ברית, זאָל ער האָטש קומען אַפ׳ן פדיון הבן. איך װעל דיר זאָגן, לײזער, מיר חלש׳ט זאָך זעהר ער זאָל װאָס גיכער קומען. אַ קלײניגקײט: מ י י ן רײזעלעס מאַן! מײַן אײניקל! מײַן קינד!

מ ל כ ה: בײַט עפּעס צו, טאַטע! דו געהסט דאָך אַרום אַ פאַרשמאַכטער. אָט ברײַנג איך אַף מזונות: דו װעסט פאַרשפּאָרן זאַן װאַשן.

(װיל געהן, נאָר אלי׳-ליב האַלט זי אָב).

אלי׳־ליב: נאַרישקײט! ס׳האָט צײַט, טאַכטערל! דו האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז היום קצר והמלאכה מרובה — דער טאָג איז קורץ און אַרבײַט איבער׳ן קאָפּ — איך לויף נאָך שיר המעלות׳ן, אַז קײן בײַז זאָל ניט צושטעהן צו מײַן קינד (אָב).

לײזער: דער שװער װײַס ניט פון אונזער טיפן װאונד. (זיפצט).

מ ל כ ה: װײַטער געזיפצט, װײַטער געאָכצעט... לײזער, לײזער, דו ביסט געװאָרן אַ אידענע! מ׳דאַרף אַלע צרות, אַלע פורעניות, װעלכע דער אױבערשטער שיקט אָן אַפ׳ן מענשן מקבל באהבה זײַן. אָט ערשט האָב איך דיר פאַרגעװאָרפן, אַז דו ביסט אַ אידענע, זײַ מיר מוחל, אַ אידענע בין איך מיט צעהן מאָס רײד: אַזוי פיל אַרבײַט און איך שטעה און באַלאַמוטשע. שרה-לאה! (שרה-לאה קומט) מאַכסט דעם עוף? רײזעלע ליגט דאָך אַ פאַרשמאַכטע, זי איז דאָך אַ קינפּעטאָרן. גיכער אביסל!

שרה־לאה: דער עוף קאָכט זאַך און באַלד וועט זיין פאַרטיג אַ טעלער פּע־טע יויך! אַך, בעל־הבית'טע, סאַר'אַ עוף: איך האָב אַראָבגעשוונדן, אָן עין הרע, אַ ודאי אַ פונט שמאַלץ. (אָב).

(ס'הערט זאַך ראָזעס קול: מאַמע!)

מלכה: איך געה, טאָכטערל! (אָב).

לייזער: (טהוט אָן די פּענסנע און נעמט אַרויס פון בוזים-קעשענע אַ בריף. ער געהט נערוועז עטליכע מאָל איבער'ן צימער, עפנט דעם בריף) וואָס טוט מען? וואָס ענטפערט מען? ווי אַזוי רעדט מען מיט רייזעלען וועגן דעם? (ער זעצט זאַך פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, האַלטענדיג דעם בריף אין די הענד. אין דער פּאָזע טרעפט אים מלכה, וועלכע קומט אַריין פון ראָזעס צימער. בלייבט שטעהן אַ ווייילע, בעטראַכט אים, און דערנאָך געהט זי צו אים צו מיט אַ ווייכער מיטפיהלענדער שטים).

מלכה: לייזער, דו ביסט ווידער פאַרטראַכט? איצט וועט דיר קיין זאַך ניט העלפן. דו מוזט מיר גלייך ענטדעקן דיינע מחשבות, דו מוזט מיר עפענען דיין האַרץ! וואָס איז דאָס פאַר אַ בריף?

לייזער: זיי מיר מוחל, מלכה, וואָס איך האָב פון דיר באַהאַלטען אַ סוד. דו ביסט אַ מאַמע: ניט ווייניג צרות דורכגעליטן איידער דו האָסט אויסגעהאָדעוועט און אַף די פיס אַוועקגעשטעלט אונזער קינד; ניט ווייניג נעכט ניט דערשלאָפן, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט ווייניג טרערן פאַרגאָסן... און איצט... אויך... ברוך השם... דער בריף האָט אַ שייכות צו אונזער רייזעלען: ער איז פון יענקלען! הער וואָס ער שרייבט: (קוקט אויף דעם בריף, זוכט און געפינט די פראַזן, וועלכע ער לייענט) «איך האָב שוין לאַנג ליב אייער טאָכטער. איך ווייס אַלץ. איך בין גרייט פאַרשרייבן אַף מיין נאָמען איהר קינד. איך וויל אים זיין אַ טאַטע. איך בעט אייך רחמים, מיט טרערן, פועל'ן ביי ראָזען, אַז זי זאָל מסכים זיין» (קליינע פּויזע) נו, וואָס זאָגסטו?

מלכה: וואָס זאָל איך זאָגן? וואָס קענען מיר איצט זאָגן?... אָבער... רייזעלע?..

לייזער: רייזעלע?... (זיפצט) זי איז ניט די פריהערדיגע רייזעלע... מיר ווייסן דאָך גוט אונזער צרה... און שטיקן אין זיך... און יענקל—איז ניט דער פריהערדיגער יענקל, לייזער זילבערשטיינ'ס פריקאַזציק—ער איז יעקב גורעוויטש, דער רייכער פאַבריקאַנט! לייזער זילבערשטיין האָט זאַך אויך געביטן: ער איז ניט דער פריהערדיגער גביר, נאָר דער געפאַלענער בעל הבית, דער גרויסער בעל חוב, מ'דאַרף זאַך ניט שעמען, דער גרויסער קבצן (זיפצט טיף).

מ ל כ ה: (זיפצט) אפשר ביסטו גערעכט! ווייסט בעסער! אפשר פּרוּווען זאַך דורכרייִדן מיט איר?

ל י י ז ע ר: ווי קען מען אָבער רייִדן מיט איר?... איצט... מכה אַזאַ ענין... דער צונג הויבט זאַך ניט אויף צו מאַכן מיט איר אַ רייד וועגן אַזאַ זאַך... אפשר די שוויגער? אַן עלטערער מענש... רייזעלע האָט שטאַרק האָלט די באָבען, וואָס זאָגסטו, מלכה? (פּאַרטראַכט) דאָס וואָלט געווען אַן'אמת'ער נס מן השמים... מיר וואָלטן אינ־גער געוואָרן... אָבגעלעבט...

(חוה־ליפשע קומט).

ח ו ה ־ ל י פ ש ע: אַ מאָדנע זאַך מיט הייַנטיגע קינדער. עקשנים! רייזעלע וויל ניט אַנדערש, ווי געבן אונזער עופ'עלע אַ נאָמען „מאַקסיק", מיר איז דאָס גאָר קשה: «מאַקסיק»... זאָג מיר, מלכה, וואו איז דאָס געהערט אַזאַ נאָמען? האָסטו ווען געהערט מ'זאָל אויפרופן צו דער ספר תורה (ווישט די הענד אָן פאַרטוך) מיט'ן נאָמען „מאַק־סיק". אין מיין משפחה איז ניט געווען קיין מענש מיט אַזאַ נאָ־מען, קיין קרוב, קיין גואל, און פון טאַטענס צד אויך ניט!

מ ל כ ה: מאַמע, וואָס עסטו זאַך אַזוי אָב דאָס האַרץ. וויל רייזעלע מאַק־סיק — זאָל זיין מאַקסיק. מסתמא געפעלט איר אַזאַ נאָמען. זי איז דאָך אַ געלערנטע, ווייס זי וואָס זי וויל. און חוץ דעם, מאַמע, האָסטו גאָר פאַרגעסן אָפ'ן פעטער מרדכי עליו השלום: מרדכי איז אָף דייטש «מאַקס».

ח ו ה ־ ל י פ ש ע: אויב דאָס איז נאָכ'ן פעטער מרדכי, זאָל ער האָבן אַ ליכ־טיגן גן עדן, בין איך מסכים. אַי, וואָס רייזעלע וויל געבן אַ צונעמעניש „מאַקסיק" וואָס טהוט מען ביי הייַנטיגע צייַטן מיט קינדער, אַבי מרדכי'לע זאָל זיין אָף לאַנגע און מזל'דיקע יאָהר, און אַזאַ למדן, ווי דער פעטער, עליו השלום. זאָג מיר, מלכה, (רעדט מיט אַ ווייכן נייגעריגן קול) דו ביסט אַ מאַמע, געהאַט רייזע־לען אין אַ גוטע שעה, גאָט האָט מיך און מייַנע גוטע פרייַנד אויך געבענטשט מיט קינדער, איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן, אַ מאַמע זאָל אַזוי קושן איר קינד, ווי רייזעלע איר בכור'ל. זי לאָזט אים ניט אָב פון זיך ממש אַ מינוט ניט, צוקושט אים אַלע זייַנע גלידערלאַך און באַגיסט זאַך מיט הייסע טרערן... איך בין אַלט, נאַריש, נאָר מייַן האַרץ זאָגט מיר, אַז רייזעלע טראָגט אַ שווערן שטיין אָפ'ן האַרצן... זי רעדט ניט, מייַן פייגעלע, נאָר שווער איז איר... זאָג מיר, טאָכטער'ל, וואו איז רייזעלעס מאַן? עפּעס הערט מען פון אים גאָר ניט. ס'איז מיר קשה: ס'טייַטש אַ

ווייב, אַ קרוין, ליגט אין קינפּעט. אַ ערשטלינג, געבאָרן אַ אינגל אין אַ מזל'דיקער שעה, און דער בעל שמחה גופא איז ניטאָ, אַפילו אַ דעפּעשע אויך ניט געקלאַפּט. איך האָב שוין איבערגערעדט מיט'ן טאַטן... ס'איז עפּעס ניט אַזוי... ווי ס'פירט זאַך אין דער גרויסער וועלט, ווי ביי לייטן...

(קליינע פּויזע).

מ ל כ ה: (ניט געענטפערט גלייך) מאַמע, איך האָב לאַנג פון דיר באַהאַלטן דעם אמת. איך האָב דיר ניט געוואָלט אָפּעסן דאָס האַרץ. נאָר איצט מוז איך דיר אויסזאָגן דעם סוד. אַז רייזעלע איז אַ גרושה, נעבאַך!

חוה-ליפשע: וויִיה איז מיר, רייזעלע אַ גרושה! אַזאַ יונג קינד! (וויינט).

מ ל כ ה: קלאָג ניט, מאַמע! ער איז ניט ווערטה געווען אונזער רייזעלען. איר אמת'ן בעשערטן וועט זי נאָך טרעפן: זי איז יונג, שיינט אָן עין הרע, ווי זיבן זונען! מאַמע, איך וועל דיר נאָך עפּעס זאָגן: יענקל, אונזער יענקל, שדכנ'ט זאַך צו רייזעלען. ער וויל מיט רייזעלען חתונה האָבן. ער בעט זיך רחמים ביי לייזערן, אַז מיר זאָלן ניט שטערן זיין גליק.

חוה-ליפשע: (מיט גרויס וואונדער און אונצופרידענהייט) יענקל... דער פּריקאַז-ציק... רייזעלעס מאַן...

מ ל כ ה: דו האָסט אַ גרויסן טעות; מאַמע! יענקל איז ניט דער פריהער-דיגער, אונזער מענש,— ער איז דאָך איצט אַ בעוואוסטער גביר, אַ פאַבריקאַנט, אַ גרויסער בעל צדקה, האָט דאָך אַ שם אין שטאָדט. איך און לייזער— מיר זאַנען מסכּים, אָבער רייזעלע?! מאַמע, אפשר וועסטו זאַך דורכריידן מיט רייזעלען וועגן דעם ענין? וואָס וועט זי זאָגען? מיט דיר איז זי גאָר אַנדערש...

חוה-ליפשע: (זיפצט) אַ גביר איז ער אַ גרויסער, אָבער אַ קליינער יחסן... נו, אַז דו מיט לייזערן זאַנען מסכּים, מסתמא ווייסט איר: איר זייט דאָך פון יונגן דור. גוט, איך געה גלייך... (וויל געהן, נאָר לייזער האַלט זי אָב).

ל י י ז ע ר: שוויגער, איילט זאַך ניט! ניט היינט... גלאַט... מאַכט אַ שמועס... טהוט אַ פרעג... ניט האַסטיג... פּאַמעלאַך... ניט היינט... ווען ס'איז... נאָכ'ן ברית...

חוה-ליפשע: גוט, קינדערלאַך, גוט! (אָב).

ל י י ז ע ר: ס'אַר אַ נס דאָס וואָלט געווען... מן השמים. (בעגייסטערט) רבונו של עולם! אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי!

מ ל כ ה: (די אייגן צום הימעל). רבונו של עולם! טהו ניט אָב דיין חסד פון אונז. באַוויַיז, אַז דו ביסט אַ גוטער גאָט!

(פאָרהאַנג זעהר לאַנגזאַם).

דריטער אקט.

זאַל ביי לייזער זילבערשטיין. גרויסער צימער. פוסט. ווייניג מעבל.

(ראָזע זיצט, נייט אַ הייבעלע. חוה-ליפשע שטריקט אַ זאָק).

ר אָ ז ע: ס'איז פוסט אין צימער... ווי אַפ'ן האַרצן... די פיאַנע אויך פאַר-קויפט, די טריומאָ... דער פאַפּאַ וויל שוין אויך זיין פידל פאַר-קויפן... אַזוי פאַרקויפן מיר אַלץ... באַבעניו, ביי וואָס וועלן מיר בלייבן? מיט די צובראָכענע הערצער... אָ, א י ך בין שולדיג אין מיין עלטערנס צער... זיי שווייגן... זיי זיפצן אַפילו ניט... אָבער אין דעם שווייגן!.. אין מיין אָנוועזענהייט מאַכן זיי זאַך אַפילו פריילעכער, היימליכער... די מאַמאַ שטענדיג מיט איר בטחון, און דער פאַפּאַ? איך קען אים אָן טרערן ניט זעהן...

חוה-ליפשע: בערוהיג זאַך, מיין קינד. דאָס אומגליק איז נאָך גאָר ניט אַזוי גרויס... יעגקל ליבט דיך... ער איז דיר איבערגעגעבן... ער פאַרוואַרפט דיך מיט בריף, און דו קענסט נאָך גליקליך זיין (קליינע פויזע) און דערצו וועט ער זיין אַ טאַטע פאַר דיין קינד.

ר אָ ז ע: אָך, מיין קינד, מיין קינד! צוליב דיין גליק בין איך גרייט אַף אַלץ, אַף דעם גרעסטן קרבן... אמת, גורעוויטש איז אַזוי טריי צו מיר, אַזוי אויפמערקזאַם... ביי אים איז אַ זעלטען רייך האַרץ, אַ שיינע, טיף-פיהלענדע, מוזיקאַלישע נשמה (פאַרטראַכט זאַך).

חוה-ליפשע: וואָס וואַרסטו, מיין קינד? זאָל שוין זיין אין אַ גוטער שעה!

ר אָ ז ע: (אַפּאַרט) אין אַ גוטער שעה! (סאַרקאַסטיש) אַ גוטע שעה! (פון צי-מער הערט זאַך אַ קינדערשער געוויין).

חוה-ליפשע: דאָס קינד וויינט (אַב).

ר אָ ז ע: זאָל שוין זיין... מאַקס, מאַקס! צובראָכן, מיט די פיס צוטראָטן... אַרויסגעוואָרפן... פאַרגעסן... פאַוליגעטשקע, וואו ביסטו? ווי נייטיג דו ביסט מיר איצט! «אַזוי געהען אַרום אַף דער גרויסער וועלט צובראָכענע הערצער... עלענדע... איינזאַמע»... קלינגען אין מיינע

אויערן דיינע ווערטער, מיין טייערע פריינדין! עלענדע...
איינזאמע... וואס טוט מען? גורעוויטש?... קרבן?... אפשר?...

(ס׳הערט זאך א קלאפ אין טיר).

קומט אריין!

(גורעוויטש קומט).

א, הערר גורעוויטש, ביטע!

גורעוויטש: גוט׳ן אווענד, ראזא לאזאראווגא! איר זייט אליין! וואס מאכט
איר? וואו זאנען דער פאפא און די מאמא?

ראזע: זיי זאנען אין גאס. באלד וועלן זיי קומען, זיצט.

גורעוויטש: און מאקסיק? שלאפט געוויס?

ראזע: כ׳דאנק. א גרויסער בחור, א שטיפער... ער שלאפט. וואס מאכט
איר, הערר גורעוויטש? מ׳זעהט אייך אזוי זעלטן. די גאנצע צייט
פארברייננט איר מיט דער פידל, מסתמא?

גורעוויטש: יע, די פידל איז מיין איינציגער און בעסטער פריינד. ווען
ניט זי ווייס איך ניט, ווי אזוי וואלט איך געלעבט.

ראזע: איך בין אייך אמת מקנא, הערר גורעוויטש! איר האט אזא
גוטן פריינד, פאר וועמען איר קענט אייער הארץ אויסריידן,
וואס זאלן טהאן פיל אנדערע, וועלכע זאנען עלנד... און
פריינד...

גורעוויטש: איר זייט ניט עלענד... איר האט א גוטן פריינד, א איבערגע-
געבענעם מיט׳ן גאנצן הארצן. (פייזע) ראזא לאזאראוונא, מ... מ...
איך האב געוואלט מ... מ... מיט אייך דורכריידן זאך, ביז איי-
ערע עלטערן וועלן קומען... איך קען מער ניט שווייגן... נאר
עטליכע ווערטער... ערלויבט מיר זאגן... איך ווייס ניט... מאכט
מיך גליקלאך... זייט מיין פרוי... ענטשולדיגט מיר... איך קען
מער ניט ריידן... איך האב אייך אין מיינע בריף אלץ געשריבן...
מיין גאנץ הארץ אויסגעגאסן... ענטשולדיגט מיך...

ראזע: אייערע בריף, הערר גורעוויטש, האב איך ערהאלטן. א גרוי-
סען דאנק אייך פאר אייער גוט הארץ, פאר אייער פריינדשאפט.
ווי גוט איז צופיהלן, אז דו ביסט ניט גאר אין גאנצן עלנד,
אז ס׳איז דא א מענש, וועלכער דיינקט וועגן דיר, וועלכער איז
דיר א גוטער פריינד! (פארטראכט זאך).

גורעוויטש: (נערוויעז) איר איראניזירט געוויס! מיינע בריף, פול מיט
גרייזן, האבן ביי אייך געוויס ארויסגערופן א געלעכטער: ווי

קומט יענקל, אײַער געוועזענער פּריקאַזציק, דער אומגעבילדע־טער יונג, צו ליבע-בריף... און צו וועמען? צו דער אײַדעלער, געבילדעטער ראָזאַ זילבערשטײַן!

ר אָ ז ע: איר באַלײדיגט מיך, הערר גורעוויטש! אײַער האַרץ איז שענער און פײַנער, ווי בײַ פיל געבילדעטע, וועלכע האָבן אוניווערזיטעטן בעזוכט. (אויפגערעגט) אײַערע געפיהלען זאַגען פיל רײַנער און טיעפער, ווי בײַ די, וועלכע רופן זאַך אָן אינ־טעלעגענטן! לאַנג, זעהר לאַנג, דאַרפן זײַ זאַך בײַ אײַך לער־נען, גלויבט מיר! איך רײד ערנסט, אָן קאָמפּלימענטן, פון גאַנצן האַרצן...

גורעוויטש: (דרייסטער) אַ גרויסן דאַנק אײַך, ראָזאַ לאַזאַר... , ראָזאַ... פאַר אײַערע ווערטער, איך האָב זאַך ניט געריכט... איך גלויב אײַך! איר זײַט אַ גוטע... אַ מלאך... אונז, פּראָסטע מענשן, האָט מען ניט געלערנט, ווי צו ערקלערן זאַך אין ליבע, ווי אויסצורײדן שײנע פראַזן, הויכע ווערטער, רײַכע אויסדריקן... גאָט אָבער האָט אונז אויך ניט פאַרגעסן... ער האָט אַרײַנגעבלאָזן אין אונ־זער נשמה געפיהל... (טהוט אַ קוק אַף די פידל, וועלכע הײנגט אַפין וואַנט) ראָזאַ! איך קען מער ניט רײדן! ערלויבט מיר: זאָל די פידל (נעמט זי אין האַנד) רײדן אָט דאָס, וואָס איך פיהל צו אײַך מיט מײַן גאַנצן האַרצן! זאָלן די טויטע סטרונעס זײַן מײַן מליץ, זאָלן זײַ ערווײַכערן אײַער האַרץ, זי זאָל כאָטש אַביסעלע, אַ קלײן ביסעלע, געהערן מיר! אָ, ווי גליקלאַך איך וואָלט דאַן געווען!... (שפּילט. ראָזע זיצט. אַראָבגעלאָזן דעם קאָפּ. פאַרטיפט אין געדאַנקען. צײַטענווײז הויבט זי אויף איהרע אויגן און קוקט לאַנג אויף זײַן בעגײַסטערטע געזיכט).

(לאַנגע פּויזע).

ר אָ ז ע: הערר גורעוויטש! איך האָב אויך פריהער ניט געצווײַפעלט אין אײַערע געפיהלען... אין אײַער פרײַנדשאַפט... נאָר די פידל האָט מיר געזאָגט פיל, זעהר פיל, אַ סך מעהר, ווי מ'קען מיט ווערטער אַרויסרײדן! אײַערע טויטע סטרונעס האָבן אָבגעלעבט. אין זײַ האָט איר אַרײַנגעגאָסן אַ ים פון שײנע, רײנע געפיהלן, הײליגע, אמת'ע ליבע! ס'ווילט זאַך אַזוי שטאַרק לעבן! אָבער?... אַ צובראָכענע האַרץ... אַ עלענדע... מיט אַ קינד, וועלכע ווײס ניט זײַן פאָטער... נײן, איך בין ניט ווערטה... ניט ווערטה!

גורעוויטש: רעדט ניט, רעדט ניט! האָט רחמנות! איך בעט ניט בײַ אײַך ליבע: ליבע בעט מען ניט, ווי אַן אָרימאַן אַ נדבה... זי קומט אַלײן... מיט דער צײַט... איך בעט נאָר פרײַנדשאַפט... נאָר

טרייהייט... איבערגעגעבענהייט... ביי אונז ביידן, ראָזאַ, זאַנען צוגראָכענע הערצער... ליידענדע נשמות... מיר ביידע זאַנען עלענד... גיט מיר אייער האַנד און לאָמיר געהן צוזאַמען אין לעבן... לאָמיר בויען אַ שיינעם בנין, ביידע צוזאַמען. (זעצט זאַך צו איהר נעהנטער). מיר וועלן גליקלאַך זיין, ראָזאַ! זאָל דער קלייניקער מאַקסיק זיין אונזער קינד, זאָל ער בינדן אונזערע הערצער אין אַ שטאַרקן בונד! ראָזאַ?!...

ראָזע: איך בין ניט ווערטה! ניט ווערטה! איך?... ניין, ניין!

גורעוויטש: איר זייט אַ הייליגע! אַזוי פיל געליטן! זייט איר דען שולדיג אין דעם, וואס איר האָט געליבט, געגלויבט, געהאָפט... און מ'האָט אייך לסוף אָבגענאַרט... ניין, איר זייט ריין, ווי די זון! וויפיעל דען טרערן האָט איר פאַרגאָסן? ראָזע, גלויבט מיר: איך ליב אייך! זייט מיין פרוי! איך שווער אייך מיט דער שווערסטער שבועה: קיין טרערן וועלן מער אייערע אויגן ניט וויסן!

ראָזע: איך מוז אייך זאָגן דעם אמת: איך ליב אייך ניט! מיר זאַנען נאָר טייער, זעהר טייער, אייערע ליידען, אייער טיעף-פיהלענדע האַרץ, אייער שיינע נשמה... (פאַרטראַכט זאַך און קוקט אין דאָס ווייטעניש) ליבע?... (פויזע) ניט! (פויזע) איר בעט ביי מיר נאָר פריינדשאַפט, אביסל פריינדשאַפט, איבערגעגעבענהייט... איז דאָס דען גענוג? קען מען דען נאָר דערמיט אָבלעבן דאָס לעבן?... ניין, יעקב, איר זייט פאַרבלענדעט... איר האָט אַ טעות: מיט פריינדשאַפט אַליין קען מען ניט לעבן! זוכט אייער גליק! איר וועט אים געפינען! איר זייט ווערטה!

גורעוויטש: איך האָב מיין גליק געפונען! דאָס זייט איר! איך האָף: אייער צובלוטיגטע, צווייטאָגטע האַרץ וועט זאַך אויסהיילן, וועט ווערן געזונד... און אפשר... נאָך ווען ס'איז געהערן צו מיר. (זיינע אויגן באַגייסטערן זאַך, פיל מיט האָפנונג און גליק) ווי גליקלאַך איך וועל דאַמאָלסט זיין! איר, איך, מאַקסיק, אונזערע עלטערן, אַלע צוזאַמען, געבונדן מיט אַ שטאַרקן איניגליכן בונד! ראָזאַ, גיט מיר אייער האַנד! איך וואַרט. (הויבט זאַך אויף פון שטוהל, האַלט אויסגעצויגן צו איר ביידע הענד, זיינע אויגן, פיל מיט געבעט).

ראָזע: (אין איר שטימע הערט זאַך אַ אינערליכער קאַמף) יעקב, זעט זשע, איך בין אייך מתרה, זעט זשע! נאַט אייך מיין האַנד! (גיט אים די רעכטע האַנד).

גורעוויטש: (האַלט איר האַנד אין זיינע ביידע, רעדט באַגייסטערט, גליקלאַך) דער טאָג איז דער שענסטער, דער העלסטער, דער גליקלאַכסטער אין

מײַן לעבן! (קישט איר האַנד מיט הדרת הכבוד. בײַ דער סצענע קומען אַרײַן לײזער און מלכּה, שטעהען לעבן טיר, דערנאָך געהען זײ צו אַף די שפּיץ פינגער. גורעװיטש בעמערקט זײ, רעדט צו זײ) גיט אונז אײַער מזל טוב! (בעװײזט אַף ראָזען) אָט איז מײַן שײַנע כּלה!

מלכּה: (פאַלט אַף ראָזעס האַלז) מײַן קינד! מײַן אײנציג קינד! גיב דיר גאָט גליק! (װײנט מיט טרערן, פולע פון גליק) מזל טוב! מזל טוב, יעקב!

לײזער: (צו גורעװיטש'ן) זעה, יעקב, דעם גאַנצן אײגענס אונזערן נעמסטו צו. זי איז דאָך אונזער אײנציגער נחת. אונזער לעבן, אונזער נשמה! מעהר האָבן מיר ניט! זעה, יעקב! מזל טוב, טאָכטערל טײַערע, מײַן ליב קינד!

גורעװיטש: (צו לײזער'ן און מלכּה'ן) פאָטער און מוטער! פון דער מינוט זאָגט איר מיר טײַער פונקט װי מײַנע עלטערן. איך רוף אײַך מיט זײער הײליגן נאָמען! איך שװער אײַך: דאָס גאַנצע לעבן מײַנס װעט געהערן ראָזעלען, און פון אײַערע טרערן װעט ניט בלײַבן קײן זכר! דאגה'ט ניט! מזל טוב אונז אַלעמען!

(תוה-ליפשע קומט אַרײַן מיט מאַקסיק'ן אַף די הענד).

ראָזע: (לויפט איר אַנטקעגן) טײַערע באָבעניו! (נעמט איר אַרום מיט מאַקסיק'ן צוזאַמען) גיט מיר אײַער מזל טוב! בענשט מיך! בענשט אונז! יעקב איז מײַן חתן! (נעמט מאַקסיק'ן אַף די הענד) קינד מײַנס! מ'האָט דיך פאַרלאָזן, געװאָרפן... אָט איז דײַן פאָטער. (בעװײזט אַף גורעװיטש'ן) איר הערט, יעקב!

גורעװיטש: איך שװער!

תוה-ליפשע: (פאַלט ראָזען אַפּין האַלז, װײנט) קינד מײַנס, צירונג מײַנס, גאָלד מײַנס, גיב דיר גאָט גליק! (װענדעט זאַך צו גורעװיטש'ן) יעקב, איך בעט דיך מיט טרערן, מיט רחמים: היט זי אָב, װי אַ בריליאַנט! די שענסטע און טײַערסטע זאַך נעמסטו בײַ אונז צו! (װײנט).

(אלי'-ליב קומט).

(צו אלי'-ליב'ן) דו ביסט גאָר געװאָרן אַ בטלן, אלי'-ליב, אַנ'עובר בטל! זיצסט גאַנצענע טעג אין בית מדרש און דו װײסט ניט, װאָס ס'טהוט זאַך בײַ אונז אין שטוב. בײַ אונז איז דאָך הײַנט אַ גרויסע שמחה, אַ גרויסער יום טוב: רײזעלע איז דאָך אַ כּלה געװאָרן אין אַ גליקליכער, מזל'דיקער שעה! יעקב איז דאָך איר חתן! (אלי'-ליב קוקט אַלעמען אָן, שטעהט פאַרװאַנדערט, אין זײנע אויגן קען מען לײענען אַ פראַגע: „רבונו של עולם, װאָס טהוט זאַך דאָ?" ער שטעהט עט-

ליבע מעקינדן אויף איין אָרט און ווייס ניט וואָס צו ענטפערן) וואָס שווייַג־סטו, אלי׳־ליב? זאָג: מזל טוב!

אלי׳־ליב: (געפינט זאך) מזל טוב אייַך, מזל טוב! קומט צו מיר, קינדערלאַך, איך וועל אייַך בענשען מיט מייַנע אַלטע, שוואַכע הענד! (לייגט זייַנע ביידע הענד, וועלכע טרייסלען זאך, בענשט זיי, קושט זיי).

לייזער: (נעמט די פידעל אין האנד) שוין לאַנג, לאַנג, ווי איך האָב מייַן פידעל אין מייַנע הענד ניט געהאַלטן. איצט ווילט זאַך מיר שפילן אַ תודה צו גאָט.

מלכה: (צו לייזער׳ן) זאָל בעסער (צו יעקב׳ן) יעקב שפילן. יעקב, דייַן שפילן האָט דאָך אַ שם.

גורעוויטש: (נעמט די פידל) לאָמיר זייַן אַלע צוזאַמען, ווי איצטער, געבונדן אין איין בונד, שטאַרקן בונד! איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ תפילה זאָגט מען איצט! גאָט! איך ווייס ניט קיין ווערטער! זאָל די פידל מתפלל זייַן צו דיר! (שפילט באַגייסטערט).

(פאָרהאַנג זעהר לאַנגזאַם).

פיערטער אקט.

רייך מעבלירטער זאַל ביי יעקב גירעוויטש.

(ראָזע זיצט אין אַ ווייג־שטול. פאַוולינע ביים טיש. בלעטערט אַ זשורנאַל).

ראָזע: (טוידט בלאַס. אָן אַ טראָפּן בלוט. זעט אויס קראַנק. הוסט). וואָס טהוט מען? זייַנע בריף רופן ביי מיר אַרויס די אַלטע געפיהלען, אַלטע זכרונות, דערמאָנען מיר מייַן פריהלינגס־ליבע... אַלטע זכרונות דען? נאָר זכרונות?... ניין, זייַנע ווערטער פאַר׳כּושוף׳ן און פאַר־שכּור׳ן מיך אָט פונקט, ווי מיט צעהן יאָהר צוריק. געדענקסט, פאַוולינעטשקע, זשענעוואַ?... ביים זעע?... גליקליכע, שייַנע צייַט! צעהן יאָהר זאַנען פאַרביי... צעהן יאָהר... אַ באַרג, וועלכער שטעהט צווישן אונז... אַ ים פון טרערן... קען דאָס זייַן, פאַוו־לינעטשקע, אַז דאָס גליקליכע, דאָס שייַנע, וואָס האָט געשעהן אין מייַן לעבן, איז אין דער פאַרגאַנגענהייט? קען דאָס זייַן, אַז אַלץ איז פאַר מיר אָבגעשטאָרבן, מיט גראָז באַוואַקסן... ניין, ניין! אפשר מייַן איצטיגעס לעבן איז אַ חלום, וועלכער געהט פאַרביי און מ׳פאַרגעסט איהם?... צעהן יאָהר...

פּאַולינע: דאָס גאַנצע לעבן איז אַ חלום... אַ פּוסטער חלום...

ראָזע: (הייבט זיך אויף האַסטיג פון וויג-שטול און גייט צו נאָהענט צו פּאַולינען) אַ חלום זאָגסטו?... (באַווייזט אויף זיך) אָט דאָס איז די שיינע, צאַרטע ראָזע זילבערשטיין?... ניין, ניין, די אַלטע מאַדאַם גורעוויטש. דאַר... שוואַך... (הוסט) דאָס איז ניט קיין חלום! (גייט-צו צום שפּיגל) אָט איז אַ נייער קנייטש... נאָך אַ ביסעל און מיין געזיכט וועט ווערן באַדעקט מיט קנייטשן... אָט איז אַ גראָהער האָר – אַ ערשטער קלאַנג, וועלכער איז מתרה, אַז די אַלטקייט קומט... פאַרפאַלן... פאַרשפּילט דאָס לעבן... און אפשר נאָך ניט?... (גייט איבערן צימער אַהין און צוריק, שטעלט זיך אָב לעבן פּאַולינען) פּאַולינעטשקע, וואָס שווייגסטו, זאָג!

פּאַולינע: רייד, רייד זיך אויס מיט איין מאָל, אַז דיר ווילט זיך ניט אַנדערש פּייניגן זיך...

ראָזע: זאָג: צוואָס האָט ער זיך פון דאָס ניי אַריינגעריסן אין מיין לעבן?... נאָך וואָס רירט ער מיינע וואונדן, פון וועלכע ס'רינען נאָך ביז איצט טראָפּענס, טראָפּענס בלוט... קען דאָס זיין, אַז איך בין ביי אים געווען איינע פון פיל פרויען?... קען דאָס זיין, אַז איך האָב געדינט ביי אים אַלס אַ שפּיל-צייג,— אָנגעשפּילט זיך און אוועקגעוואָרפן... און אפשר די אַלע זכרונות רופן אויך ביי אים אַרויס די זעלביגע געפיהלן, ווי ביי מיר?... (פאַרטראַכט זיך אויף עטליכע סעקונדן, אַ גליקליכער שמייכעל באַווייזט זיך אויף איהרע ליפּען) און אפשר... ליבט ער... (זעצט זיך טיף אין וויג-שטול).

פּאַולינע: (שטרענג) ראָזע, וואַרף אַרויס פון זינען אַזעלכע געדאַנקען: דו מוזט יעדע מינוט, יעדע סעקונדע גוט געדיינקען, אַז דו ביסט אַ פרוי פון אַ מענשן, וועלכער האָט דיך און דיינע עלטערן געראַטעוועט, וועלכער האָט דיין קינד אַ נאָמען און אַזוי פיל ליבע געגעבן.

ראָזע: דאַרפסט דען מיר דערמאָנען מיין חוב? „געדיינקען", זאָגסטו... וואָס טוט מען אָבער מיט דאָס האַרץ? ווי רייסט מען עס אַרויס?... ווי מעקט מען אויס אָט דאָס, וואָס ס'איז געווען אין די יונגע, העלע, שיינע, פריהלינגס-טעג?... פּאַולינעטשקע, קען מען דען פאַרגעסן די ערשטע ליבע?... ניין, ניין! זי לעבט... ביז'ן טויט... (פאַרהיטט זיך, ווייבט).

(מאַקסיק קומט).

מאַקסיק: (אַ שיינער לעבעדיגער אינגל, געקליידעט ווי אַ שילער. לויפט צו ראָזען, קושט זי) מאַמאַ, דו וויינסט ווייטער? אַלץ דו וויינסט! די לעצטע צייט ביסטו אומעטיג, געהסט אַרום פאַרטראַכט... וואָס איז מיט דיר מאַמעטשקע? (האַלזט זי) אפשר האָט דיך ווער באַליידיגט? יענער וועט שוין פון מיר אַ גוטע פאָרציע קריגן (בעווייזט אַ פויסט).

ראָזע: ניין, קינד! נאַרעלע, ווער קען מיך באַליידיגן?... גלאַט · אַזוי... קאָפּ שמערצן...

מאַקסיק: ניין, מאַמעטשקע, זאָג מיר דעם אמת... דו נאַרסט מיך... זאָג מיר אַלץ... איך בין דאָך דיין איינציגער זוהן, און ניט קיין קליינער אינגעל · אַ גימנאַזיסט פון דריטן קלאַסס (שטעלט זאַך אַף די שפּיץ פינגער, זעהט אויס העכער) זאָג מיר... די לעצטע טעג ביסטו צוטראָגן, פאַרטראַכט... גייסט ניט אַרויס אין גאַס... קומסט ווייניגער אין מיין צימער... העלפסט ניט מיינע אויפגאַבן מאַכן... זיצסט אין וויג·שטול און וויינסט... גאָר פאַרגעסן מאַקסיק'ן... (טרערן באַווייזן זאַך אַף זיינע אויגן).

פּאַאולינע: (צו מאַקסיק'ן, געהט·צו צו אים, גלעט אים) געוויס פאַרגעסן... אַזאַ שטיפער... נו, גימנאַזיסט מיינער, וואָס הערט זאַך מיט אונזערע אויפגאַבן?

מאַקסיק: טאַנטע פּאַאולינע! די אויפגאַבן ליגען מיר אין קאָפּ ניט. זאָגט מיר, וואָס איז מיט דער מאַמאַ?

ראָזע: (קושט זיינע אויגן) קינד! וואָס רעדסטו נאַרישקייט! דיך פאַרגעסן? מיין גאַנצן לעבן, מיין טרייסט! נאַרעלע! גיב, איך וועל דיר אָבּ־ווישן דיינע גאָלדענע טרערן (נעמט אַ נאָז־טיכעל און ווישט אים צאַרט זיינע אויגן).

מאַקסיק: (ניט בערוהיגט פון ראָזעס ווערטער) דער פּאַפּאַ איז אויך פאַר'דאגה'ט, אומעטיג... זיצט אַלץ אין קאַנטאָר... פאַרברייננגט וועניג אין שטוב... אפשר האָב איך שולד אין אייער צער?... מיין „דוואָי־קע“?... זאָג מיר, מאַמעטשקע, איין וואָרט, טו אַ שמייכל, איך שווער דיר—מעהר קיין „דוואָיקעס“ וועל איך ניט באַקומען...

ראָזע: (מיט אַ שמייכל) ביסט גאָר אַ נאַרעלע!

פּאַאולינע: (מיט ליבשאַפט, אין איר שטים הערט זאַך שטרייננגקייט) נאָר „צווייען“ ברייננג מעהר ניט. שוין אַ גרויסער בחור!

מאַקסיק: (צו פּאַאולינען) גוט! גוט! (צו ראָזען) יע, מאַמעטשקע, איך האָב דיר גאָר ניט דערצעהלט, אַ אינטערעסאַנטע זאַך: (לאַכט) איך געה אַרויס פון גימנאַזיום, לעבן טויער, דו ווייסט, שטעלט מיך אָפּ

אַנ׳אָפּיצער, ניט קײן אמת׳ר אָפּיצער, אַ מיליטער דאָקטאָר, איך דערקען זײ נאָך די עפּאָלעטן: 3 „שטערענדלאַך״ און 1 «פּראָסוויעט» (ראָזע און פּאַוולינע הויבן זאַך אויף פון זײערע ערטער, קוקן אַף מאַקסיקן מיט גרויס נײגעריגקײט, מיט גרויס אינטערעס) און פרעגט בײַ מיר: (מאַקסיק רעדט אויס די ווערטער לאַנגזאַם, קאָפּירט דעם דאָקטאָר) «ב י ס ט ר מאַקסיק?» — «יע, איך»! ער נעמט מיך אַרום, קושט און זאָגט: «מײַן טײַער קינד!»

ר אָ ז ע: (שרעקענדיג) ווײַטער? דערצעהל גיכער! (לײגט איהרע בײדע הענד אַף זײנע אַקסלען. פּאַוולינע קוקט איס אָן נײגעריג אין די אויגן).

מ אַ ק ס י ק: (רעדט גיכער) איך האָב געענטפערט: «איר האָט אַ טעות! איך בין גורעוויטש׳עס זוהן» - „איך ווײס, איך ווײס, קינד״... האָט ער מיר געזאָגט מיט ליבשאַפט- „גריס דײַן מאַמאַ און זאָג, דאָס דער דאָקטאָר פאַררײַזט אין עטליכע טעג אַרום אַפּ׳ן פראָנט״. ער האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען און ווידער געקושט.

ר אָ ז ע: (אויסגעשריען פון שרעק) ווי האָט ער געזאָגט? אַפּ׳ן פראָנט?

מ אַ ק ס י ק: יע!

ר אָ ז ע: (אַראָבנעמען די הענד פון זײנע אַקסלען) דערצעהל ווײַטער, מאַקסיק:

מ אַ ק ס י ק: מער גאָר נישט! איך האָב אַראָבגענומען מײַן היטל און דער דאָקטאָר האָט מיר אָבגעגעבן „טשעסט״ (מיט גרויס צופרידענהײט), פאַרשטעהסט, «טשעסט» — פּונקט ווי אַ סאָלדאַט — אַנ׳אָפּיצער.

ר אָ ז ע: (נײגעריגער) און דו?

מ אַ ק ס י ק: געלאָפן אַהײם אָנזאָגן דיר די שמחה, אַז מ׳האָט מיר «טשעסט» אָבגעגעבן. (לאַכט. שפּרינגט אונטער) וואָס פרײסטו זאַך ניט, מאַמעטשקע? (צו פּאַוולינען) טאַנטע! איר האָט געזעהן, ווי מ׳גיט אָב «טשעסט»? (לויפט אַרויס נאָכ׳ן דאַשעק אין קומט גלײך צוריק) אָט אַזוי: (שפּרינגט איבער׳ן צימער Здравия желаю, гимназист третьего класса פערקײכט זאַך פון געלעכטער).

ר אָ ז ע: (טיף פאַרטראַכט) אַפּ׳ן פראָנט, זאָגסטו? דו האָסט ניט קײן טעות? גוט געהערט?

מ אַ ק ס י ק: (באַלײדיגט) בין איך דען אַ טויבער, מאַמעטשקע? געהערט גוט: אַפּ׳ן פראָנט. (נײגעריג) מאַמעטשקע, ווער איז ער, דער סימפּאַטישער דאָקטאָר? ווי אַזוי נעמט ער מיך אַרום, אַ פרעמדן אינגל, און קושט? ווער איז ער?

ר אָ ז ע: ער איז אונז ניט גאָר פרעמד... ער איז דײַנער... אונזערער... אַ נאָהנטער פרײַנד... אַ קרוב...

מ אַ ק ס י ק: (פאַרװאונדערט) הײַנט פאַרװאָס קומט ער ניט צו אונז? דו האָסט מיר פון אַלע קרובים אונזערע דערצעהלט: פון זײדען, פון דער באָבען, פון עלטער־זײדען און עלטער־באָבען, פון דעם פעטער מרדכי, פון אַלעמען... און פון אונזער קרוב, דעם דאָקטאָר, גאָר נישט!

ר אָ ז ע: פאַרגעסן מסתמא. נו, מײַן קינד, דו ביסט געװיס הונגעריג.

פ אַ א ו ל י נ ע: גײ, מאַקסיק'ל, שרה לאה װעט דיר געבן עסן און נאָכדעם מאַך דײַנע אױפגאַבן.

מ אַ ק ס י ק: גוט, מ אַ מ ע ט ש ק ע, (ער לאַשטשעט זאַך צו איר) און מײַנע אױפגאַבן װעסטו מיר העלפן מאַכן? מאַמעטשקע, לאָמיר בײדע גײן מאַכן די אױפגאַבן און נאָכדעם דערצעהל מיר פון אונזער קרוב דעם דאָקטאָר. זאָל ער קומען צו אונז און אָבגעבן מיר נאָך אַמאָל «טשעסט». (לאַכט).

ר אָ ז ע: ניין, מײַן קינד. הײַנט בין איך ניט געזונד! די טאַנטע פאַאולינע װעט דיר העלפן. גײ, מאַקסיק.

(מאַקסיק לױפט אַרױס, שפרינגענדיג. האַלט די רעכטע האַנד בײם דאַשעק און שרײַט אױס מיט אַ קול פון אַ באַס: Здравия желаю, ваше благороде).

(צו זיך) בלוט איז ניט װאַסער. ער האָט זאַך ניט געקענט אײַנהאַלטן, חאָטש עטליכע װערטער, חאָטש אַ קוק טהאָן אױף זײַן קינד, חאָטש אַ מינוט פיהלן זאַך אַ פאָטער! מאַקס, מאַקס! מײַן האַרץ צובראָכן, יעקב'ס האַרץ אַף שטיקער צוריסן, זײַן לעבן פאַרביטערט... יעקב געהט אַרום אַ צומישטער. (צו פּאַאולינען) דו זעהסט ניט, פּאַאולינע, איך זעה אַלץ! ער רעדט ניט, שװײַגט, דאָס איז פיל שװערער. אױך אין מאַקסיק'ס קינדערש הערצעלע האָט „דער דאָקטאָר" (מיט אַ ביטערן שמײכעל) אַ פונק פון צװײפעל אָנגעצונדן... דער אינסטינקט איז בײַ קינדער זעהר שטאַרק, זײ פאַרשטײען... זײ רײדן ניט אַרױס, אָבער זײ פיהלען... זײערע קלײנע קעפּעלאַך אַרבײַטען... (הוסט) מאַקסיק איז אַפילו אַרױס, שפרינגענדיג, לוסטיג, אָבער גאָר ניט באַפרידיגט פון מײַן ענטפער: אַ נאָהנטער קרוב... אַ דאָקטאָר... אַנ'אָפיצער... און קומט ניט צו אונז! פון אַלע נאָהנטע און װײַטע קרובים מעשׂות דערצעהלט אין די לאַנגע, קאַלטע װינטער־נעכט, און פון דעם נאָהנטען קרוב (שמײכעלט ביטער) גאָר ניט... (פאַרהוסט זאַך. איר

ווערט ניט נײַט. פּאַװלינע גיט איר אַ טרונק װאַסער. ראָזע קומט צו זיך.)

(פּ ױ ז ע.)

פּ אַ װ ל י נ ע: זעה, ראָזע, איך זאָג דיר: זײַ אַ מענש! היט זיך! מיט די אײגענע הענט פאַרקירצסט דו דײַנע יאָהרן! ביסט אַ גזלן אַף זיך! דאָס איז אַ שרעקליכער פאַרברעך! טהו נאָר אַ קוק אַף זיך, װאָס פון דיר איז געװאָרן?... אַלט... שװאַך... איך רײד צו דיר ניט װי אַ דאָקטאָר צו אַ פּאַציענטין, נאָר צו מײַן אַלטער בעסטער פרײַנדין! זעה, ראָזעטשקע, דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט אַ מאַמע, אַז די האָסט אַ הײליגן חוב: אױפהאָדעװען דײַן קינד!

ר אָ ז ע: (קױם װיקס די רעדט) ביסט גערעכט, פּאַװלינעטשקע! דאַרפסט דען מיר זאָגן! איך זעה דען ניט?!... דער שפּיגל באַװײַזט ריכטיג. ער נאַרט ניט: (הוסט) דער פּנים פול מיט קנײַטשן, די אױגן אײַנגעזונקען, געל, װי דער טױדט אַלײן, גראָהע האָר... הוסט... אָן שלאָף און אַפּעטיט צום עסן; דאָס זאַנען ניט קײן גוטע סמנים! (קלײַנע פּױזע) ס'איז געקומען דער סוף!... (הױבט זאַך אױף פון שטול) פּאַװלינעטשקע, מיר װילט זאַך אַזױ שטאַרק לעבן, שטאַרק לעבן! איך האָב דאָך װײניג געלעבט!... (הוסט) מיר װילט זאַך נחת האָבן פון מײַן קינד! זאָג מיר! העלף מיר!

פּ אַ װ ל י נ ע: (אין איר קול הערט זאַך אַביסל כעס. אומצופרידענהײט) אַלע װײַבער זאָגען, װי פון אײן טײַג געקנאָטן: װי נאָר זײ װערן אַביסל ניט געזונד, אַזױ מײנען זײ, אַז דער טױדט װאַרט שױן אַף זײ. װי אַ דאָקטאָר זאָג איך דיר, אַז בײז'ן טױדט איז נאָך גאַנץ װײַט... מ'מוז זאַך נאָך גוט אָנמאַטערן...

ר אָ ז ע: אַ גוטע בשורה זאָגסט דו מיר אָן! אַ טײַערער טרײסט! נײַן, פּאַװלינעשקע, פרעג בײַם חולה, ניט בײַם רופא. דער חולה פיהלט, אַז ער האָט קײן כּח, ער געהט אונטער! העלף!

פּ אַ װ ל י נ ע: װײסט דען ניט, אַז דער חולה מוז קומען צו הילף דעם דאָקטאָר. דו אָבער פאַרקערט: אָנשטאָט צו האַלטן זאַך, צו שטאַרקן זאַך, באַרוהיגען... קלערסט דו נאַרישקײַט: געקומען אַ סוף... איך שטאַרב... ע, אידענע, אידענע!... מאָרגן פאָהרסטו נאָך אױסלאַנד. װעסט אַברוהען... געזונד װערן... יונג װערן...

ר אָ ז ע: אײנס האָסטו אמת געזאָגט: אָברוהען... אָט דאָרט... אין דער שװײַץ... אין זשענעװע... בײַם זעע... דאָרטן װעל איך מײַן רוה באַקומען... אַף אײביג... פּאַװלינעטשקע, איך בין מיד פון דער שװערקײַט פון לעבן... אַ גרױסע משא טראָג איך אין האַרצן...

אָבער געזונד ווערן... נאָך יונג ווערן... (מיט אַ גרימאַסע) דאָס רעדסטו גלאַט אַזוי, אַבי באַרוהיגן מיך...

פּאַאוליִנע: איך וואונדער זאַך: וואו איז ראָזע זילבערשטיין, יענע, וועלכע האָט צוויי מאָל אין לעבן באַוויזן איר שטאַרקייט, איר כח, איר גייסט, איר שטאָלץ... אָט דאַן... אין זשענעווע... מיט אַ מאָל צו־ריסן די גאָלדענע קייט, און נאָכדעם אָנגעטהאָן אַף זיך אַן'אַנ־דער קייט צוליב דיין קינד, צוליב דיינע עלטערן... וואו איז זי, יענע ראָזע? די, וועלכע שטעהט פאַר מיינע אויגן, איז אַן' אַנדערע...

ראָזע: דו האָסט גוט געזאָגט: אַ צווייטע קייט... אַ שווערע... אַן'אײַ־זערנע... דריקט... קוועטשט... ווערגט... ווייסטו דען, וואָס הייסט זיין אַ פרוי פון ניט קיין געליבטן מאַן! ווייסטו דען, וואָס הייסט זעהן ליבע אָן גרענצן, אמת'ע, הייליגע ליבע... פריינדשאַפט... טרייהייט... גוטסקייט... און ניט זיין בכח ענטפערן אַפילו אַ טויזענד־חלק!... און אַזוי פון טאָג צו טאָג... פון יאָהר צו יאָהר... אַ קליינינקייט, ביין יאָהר! דריי טויזענד נעכט און טעג!... (פויזע) מאַקס, מאַקס! נאָר דו ביסט מיין געליבטער! צו דיר, מיין גזלן, צו דיר דעם שלעכטסטן, דעם ערגסטן... וואָלט איך נאָך איצט, דאַכט זאַך, אַ קראַנקע, אַ שוואַכע, לויפן!... פּאַאוליִנעטשקע, דאַרף איך דיר דען זאָגן, וואָס ליבע הייסט... (הוסט שטאַרק).

פּאַאוליִנע: (וואַרט ביז זי הוסט זאַך אָפּ) דעם צווייטן מאָל אין לעבן זאָג איך דיר: דו ביסט פיל גליקליכער ווי איך. דו ביסט אַ מאַמע, דו האָסט אַ טרייסט, אַ קינד... אָבער איך?... (פאַרטראַכט זאַך) עלענדע נשמה... איינזאַם... נו, גענוג דערפון. (אין צימער געהט אַריין זשעניע אַ יונג, לעבעדיגס ווייבעלע, שיין געקליידעט. אין האַנד בלומען) אָט איז זשעניע.

זשעניע: גוט נ'אָוועגד, ראָזע! וואָס מאַכט איר? (צו פּאַאוליִנען) גוט נ'אָוועגד, דאָקטאָר!

ראָזע: גוט נ'אָוועגד. אַ דאַנק. מ'לעבט ביז ס'לעבט זאַך. זיצט. און איר, זשעניע?

זשעניע: (זעצט זאַך לעבן ראָזען) איך לעב אויך ביז ס'לעבט זאַך. אָט ווי איהר.

פּאַאוליִנע: (אַ ביסל אויפגערעגט) זייט מיר מוחל, זשעניע, צווישן אייער און ראָזעס לעבן איז אַ גרויסער אונטערשייד.

זשעניע: (הויבט זאַך אויף פון שטול) דיינקט וואָס איהר ווילט. קיינער שטערט

איין ניט. (קאָקעטיש) איך בין צופרידן מיט מיין לעבן (קוקט אַף פּאַוולינען חוצפּה'דיג, געהט-צו צום ראַיאַל, זינגט און אַקקאָמפּאַנירט זיך:

„Ах, да пускай свет осуждает.
Ах, да пускай клянет молва.
Кто раз любил, тот понимает.
И не осудит никогда“.

פאַרדעקט האַסטיג דעם ראַיאַל, געהט-צו נעהנטער צו פּאַוולינען, זינגט:

И не осудит никогда).

(קלײנע פּױזע).

ר אָ ז ע: איך בין אייך מקנא, זשעניע! איר זייט יונג, געזונד, שיין שטענדיג לוסטיג... איהר לעבט... אָבער איך... (זיפצט) אַלטע באַבע, אַ צובראָכענער שאַרבן...

ז ש ע נ י ע: ווער לאָזט אייך ניט לעבן! ווער איז שולדיג! ניט איין מאָל האָב איך אייך, ראָזע, געזאָגט, אַז אַ יונגע, שיינע (טהוט אַ קוק מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אַף פּאַוולינען) פרוי דאַרף לעבן, לעבן און לעבן... פילאָסאָפיע איז ניט פאַר אונז... זאָלן זאַך מיט פילאָסאָפיע אַנדערע פרויען באַשעפטיגן (טהוט נאָך אַ מאָל, שוין חוצפּה'דיג, אַ קוק אַף פּאַוולינען). (צו ראָזען) פאַר אונז איז דאָס ניט פּאַסיג... (זינגט אונטער: Кто раз любил, тот понимает) מ'דאַרף געהן מיטן שטראָם! איר, ראָזע, אַזאַ איידעלע, שיינע פרוי, אָנשטאָט לעבן און געהן מיט'ן שטראָם, האָט שטענדיג פילאָסאָפירט, געגאַנגען געגן שטראָם... און ד ע ר, װעלכער געהט ג ע ג ן אים, מוז אין די הויכע, רוישענדע חוואַליעס פון ים-לעבן דערטרונקען ווערן! (צו פּאַוולינען) אמת, פּאַוולינע? א י ר - ווייסט דאָך אַ ל ץ... (סאַרקאַסטיש) איר זייט דאָך אַ געבילדעטע... איר פילאָזאָפירט דאָך... אַ דאָקטאָר...

פ אַ א ו ל י נ ע: (מיט כעס) אויב נאַרן דעם מאַן אַף יעדען טריט און שריט, בייטן ב אַ ק אַ נ ט ע (מיט גיפט אין האַס) ווי האַנדשוה, רופט איר: געהן מ י ט ׳ ן ש ט ר אָ ם, האָט איר אַ גרויסן טעות. דאָס הייסט... דאָס רופט זאַך... נו, צוואָס זאָלן מיר ריידן דערפון, וועמען איז דאָס נוגע, ווי דאָס רופט זאַך...

ז ש ע נ י ע: (קאָקעטיש. פאַראינטערעסירט) ניין, ניין! שעמט זאַך ניט! ס'איז זעהר אינטערעסאַנט... איך וועל זאַך ניט באַליידיגן... איך האָב ניט חרטה. וואָס איך טהו... איך ווייס איין כלל: (דעקלאַמירט:

Кто раз любил, тот понимает.
И не осудит никогда).

מיין מאַן גלויבט מיר...

ראָזע: ווי באַלד מיר האָבן שוין געמאַכט אַ געשפּרעך וועגן דעם, ווי איר, זשעניע, רופט עס: שטראָם, זאָגט מיר דעם אמת, נאָר אמת, איר פילט זאַך גליקלאַך? אײַער לעבן איז פול?... רייך?...

זשעניע: (ניט גלייך געענטפערט, ערנסט) אַ שווערע פראַגע שטעלט איר מיר... (פאַרטראַכט אַביסל) מ... מ... איך קלער ניט! איך האָב אײַך שוין פריהער געזאָגט, אַז פילאָסאָפיע איז ניט מײַן זאַך... (קליינע פויזע) צי בין איך גליקלאַך אָדער ניט (פאַרטראַכט זאַך אַף אַ פּאָר סעקונדן) איך ווייס ניט! (קליינע פויזע) איך לעב... איך בין שטענדיג שכור... (טהוט אַ קוק אַפן זייגער) נו, מ'דאַרף געהן... אַף ווידערזעהן! מאָרגן... אַפ'ן באַנהויף... (געהט-צו נאָהענט צו ראָזען) אַך, ווי גליקלאַך וואָלט איך מיך געשעצט, ווען מײַן אַלטער וואָלט מיך געלאָזן גאָך אויסלאַנד פאָהרען... ע... (טוויט אַ קנאַק מיט די פינגער) וואָלט איך דאָרטן מיט אײַך אַ לעב געטהאָן... און דוקא מיט'ן שטראָם... (צו פּאַאולינען) איר קענט אײַך דײַנקען און ריידן וועגן מיר וואָס איר ווילט, נאָר דאָס מוז איך אײַך זאָגן, אַז געגן שטראָם קען מען ניט געהן... (טהוט אַ קיק אַף ראָזען) מ'פאַלט... מ'ווערט דערטרונקן... אַ גוטע נאַכט (אָב. קערט זאַך גלייך צוריק. צו פּאַאולינען) פּאַאולינע, זייט ניט בייז. איך האָב צו אײַך אַן ערנסטע ביטע: מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אײַך אין שפּיטאָל איז אַ נייער מיליטער-דאָקטאָר... אַ חירורג... מאַקסים פּאַוולאָוויטש... (ראָזע הויבט זאַך האַסטיג אויף פון וויג-שטול. עפנט ברייט די אויגן) זעהר אַ אינטערעסאַנטער... מ'זאָגט, אַ גרויסער דאַמען-פרײַנד... מאַכט מיך מיט אים באַקאַנט... איך מוז אים דעם קאָפּ פאַרדרייען... איר זאָגט מיר צו, פּאַאולינע?

פּאַאולינע: (מיט פאַראַכטונג) איר האָט אַ גרויסן טעות: מאַקסים פּאַוולאָוויטש'ן געפעלן גאָר אַנדערע דאַמען. איר זייט גאָר ווייט פון זײַן אידעאַל!

זשעניע: (קאָקעטיש) מיר וועלן שוין זעהן! איר מאַכט מיך ניט באַקאַנט? (פּאַאולינע מיט'ן קאָפּ: ניין!) ניין? איר ווילט ניט? (שמייכלענדיג) איר האָט מורא פאַר קאָנקורענץ, חאַ-חאַ-חאַ. איר וועט שוין זעהן: אײַך אַף צו להכעיס: איך וועל זאַך מיט אים באַקענען און דעם קאָפּ פאַרדרייען! נו, אַ גוטע נאַכט! (אָב. זינגט געהענדיג: Пусть свет осуждает)

(לאַנגע פויזע)

פּאַאולינע: קיינעם האָב איך אַזוי פיינט, ווי אָט די פוסטע פרויענצימער... קיין אַנדער נאָמען האָט זי ביי מיר ניט! אָן האַרץ... אָן געפיהל... אָן שום מענשליכע איבערלעבונגען... איך קען זי ניט אָנזעהן...

ראָזע: (הערט ניט פּאַוּלינעס ווערטער, רעדט צו זיך) געגן שטראָם! געגן שטראָם!... ניט נאַרן דעם מאַן, ניט פאַרשמוציגן זיין נאָמען. הורה... ווייסן די היינטיגע פרויען: געגן שטראָם! אפשר זאַגען זיי גערעכט!... זיי לעבן... זיי האַלטן ניט מלחמה מיט די חוואַליעס... פירהרן שלום מיט די וועלן, און קומען צו אַ ברעג... (קליינע פּויזע, הייבט זאַך האַסטיג פון שטול, ענערגיש מיטין גאַנצן כח) אונז־זאָלן גובר זיין די וואַסערן, זאָלן מיר ווערן פאַרטרונקען. פאַרזונקען. טיעף, טיעף, אָן אַ זכר, (פאַרהויסט זאַך, אויפגערעגט) מיר געהען געגן שטראָם!

פּאַולינע: ס'איז פאַרהאַן וואָס צו הערן וואָס זשעניע זאָגט! און די נעמסט נאָהנט צום האַרצן יעדע נאַרישקייט...

ראָזע: ניט זשעניע מיט אירע שטראָמען קימערן מיך! ניין, דאָס איז איר פּערזענליכע זאַך! זי האָט אָבער דערמאָנט דעם נאָמען, וועלכער איז נאָך ביז היינטיגן טאָג ביי מיר טייער. טיף איינגעבאַקן אין האַרצן... „מאַקסים פּאַולאָוויטש... אַ גרויסער דאַמען־פריינד... איך וועל זיין קאָפּ פאַרדרייען”... — די ווערטער קלינגען אין מיינע אויערן ווי טויזענדער גלאָקן... עגבערן מיין מוח... רייסן שטיקערווייז מיין צובלוטיגטע, צוּוועהטאָגטע האַרץ... (פאַרהיסט זאַך, איר ווערט ניט גוט. פּאַולינע דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַסער, פיהרט זי צו דער סאָפע. ראָזע באַרוהיגט זאַך).

פּאַולינע: דער טייוול האָט איר געבראַכט צושלעפּן... איר גליק, וואָס מאָרגן פאָהרסטו אָב. ווען ניט, וואָלט זי דאָ מעהר דעם שוועל ניט אַריבערגעטראָטן (מיט כעס) בעשעפעניש!... און דו, נאַרעלע. (מיט ווייכקייט, גלעט איר די האָר צאַרטליך) הערסט זאַך־צו צו אירע ווערטער..

(קליינע פּויזע).

ראָזע: זי איז ניט שולדיג! מיינע נערוון! (וויינט היסטעריש).

(מאַקסיק לויפט אַריין)

מאַקסיק: מאַמעטשקע, מאַמעטשקע, וואָס איז מיט דיר? וויינסט?... ווידער?... טייערע מאַמעטשקע, אפשר געהן נאָך דעם פּאַפּאַ... נאָכ'ן דאָקטאָר שוואַרצמאַן... אָדער יענעם דאָקטאָר... דעם מיליטער־דאָקטאָר... אונזער קרוב...

ראָזע: ניין, קינד, מיר איז שוין גוט! איך וועל מעהר ניט וויינען!... מ'דאַרף קיין דאָקטאָר... מיר איז שוין גאָר גוט!.. (לאַכט) זעהסט, מיין לעבן, (קושט אים) איך בין פריילאַך... נו, וואָס איז מיט דיינע אויפגאַבן? פאַרטיג?

מאַקסיק: נאָך נישט! העלף מיר, מאַמעטשקע, מאַכען די אויפגאַבען.

ראָזע: איך בין גאָך שוואַך, דער קאָפּ אַביסל... (צו פּאַאולינען) פּאַאולי-נעטשקע, איך בעט דיך: העלף מײַן אינגעלע. ער מאַטערט זאַך געבאַך, מײַן פֿױגעלע (קושט אים).

פּאַאולינע: (צו מאַקסיק'ן) געה, שטיפער, אין דײַן צימער. איך קום גלײַך!
(מאַקסיק אָב)

ראָזע: «דעם דאָקטאָר... דעם מיליטער-דאָקטאָר... אונזער קרוב...»—זײַן הערצעלע פּיהלט. בלוט איז ניט וואַסער...

פּאַאולינע: ווײַטער דאָס זעלביגע. גענוג שוין... האָב רחמנות אַף זיך... איך געה צו מאַקסיק'ן. (אָב. טרעפט זאַך מיט דאָקטאָר שוואַרצמאַן. באַגריסן זאַך)
(דאָקטאָר שוואַרצמאַן קומט).

ד״ר שוואַרצמאַן: (נאָבלעסיג געקלײדעט, אין פּענסנע) גוט ב'אָוונד! ווי פּיהלט איר זאַך, מאַדאַם?... (נעמט איר פּאַרין פּולס) נערוועטשקעס?... ווײַבערשע ספּאַזמעס... מײַן זשעניע האָט ליב אַזעלכע קונצען. איך ווײַס קלאָר, אַף אױסווײַניג, די דאַטעס, ווען איר ווערט נודנע און פּאַלט אין חלשות... איז זי הײַנט געווען בײַ אײַך?

ראָזע: יע. געווען. פּאַרבראַכט אַביסל.

ד״ר שוואַרצמאַן: נאָר אַביסל? (אױפגערעגט. מיט פּאַרדראָס) זי האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז זי וועט בײַ אײַך פּאַרברײַנגען דעם גאַנצן אָוונד.

ראָזע: זשעניע האָט פּאַרבראַכט בײַ מיר אַ היבשע ביסל צײַט.

ד״ר שוואַרצמאַן: שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען?

ראָזע: ניט לאַנג. נאָר וואָס.
(פּאַאולינע קומט)

ד״ר שוואַרצמאַן: ווײַסט איר ניט, פון וואַנען זי איז געקומען און וואוהין איז זי געגאַנגען? זשעניע האָט אײַך מסתמא געזאָגט.

ראָזע: ניין, זי האָט ניט געזאָגט! צוואָס מאַכט איר, דאָקטאָר, אַזעלכע אױספאָרשונגען?

ד״ר שוואַרצמאַן: גלאַט אַזוי. (קוקט אַפּ'ן זײגער) מ'דאַרף לױפן! נאָך פיר וויזיטן אָב'פּטר'ן. אַ גוטע נאַכט! מאַכט זאַך ניט נאַריש און פּאַלט ניט אין חלשות, ווי מײַן זשעניע. (טהוט אַ זיפּץ, ווײַלכער רײַסט זאַך אַרױס ניט ווילנדיג) פּאַר אײַך איז דאָס גאָר ניט פּאַסיג. (צו פּאַאולינען) אַ גוטע נאַכט, קאָללעגאַ, לאָזט ניט פרוי גורעוויטש פּראַווען ווײַבערשע קאַטאָוועס. (אָב)

פּאַאולינע: איך שווער דיר, ער איז געקומען זוכן (שמײכלט) זײַן שטראָם... זײַן טײַערע ווײַבעלע... די מאַנען, וועלכע די פרויען נאַרן זײ אַרײַן

אין זאַק, זאָגען בײַ זיך געפאַלן... נידריג... אַף זײַ איז אַנ׳אמת׳ער רחמנות. נאָר איך האָב עפּעס אַף זײַ קײַן מיטלײַד: מ׳דאַרף זײַן אַזוי נאַריש, אַזוי פערבלענדט, ניט צו פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ תכשיט מ׳האָט, וואָס פאַר אַ סחורה... איך האָב זאַך אײַנגעהאַלטען... מיר האָט זאַך זעהר געוואָלט עפּענען זײַנע אויגן: איך בין אַ דאָקטאָר זעה איך אַ בלינדן, מוז איך אים קורירן. דאָס איז מײַן הײַליגער חוב. נאָר... מײַנסטו, ער האָט נאָך פיר וויזיטן? נאַרישקײַט... איך קען דיר שווערן: ער לויפט אַרום אָן אַנ׳אָטעם, אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, צורײַסט אַלע טעלעפאָנען, זוכט זי... און זי, די אונפערשעמטע — (מיט אַ גרימאַסע) מיט׳ שטראָם!

(גורעוויטש קומט)

גורעוויטש: (פיל גראָהע האָר, אַביסל אײַנגעבויגן, סיווייזט אויס, אַז ניט יאָהרן — צרות האָבן אים אַלט געמאַכט. רייך געקליידעט) וואָס מאַכסטו, ראָזעלע? די קאָפּ-שמערצן איבערגעגאַנגען? בעסער?

ראָזע: נישקשה! פיל בעסער. מאָרגן, האָף איך, וועט גאָר גוט זײַן.

גורעוויטש: זעה, ראָזעלע, שטאַרק זאַן! מאָרגן פאָהרסטו אָב אין אַ גוטער שעה. מ׳דאַרף זאַך שטאַרקן, די זאָלסט, חלילה, ניט קראַנק ווערן אין וועג. (צו פּאַאולינען) וואָס זאָגט איר, פּאַאולינע?

פּאַאולינע: איר זײַט גערעכט. מ׳דאַרף זאַך שטאַרקן מיט אַלע כחות.

גורעוויטש: (צו ראָזען) וואו איז מאַקסעלע? האָט ער געגעסן? געטרונקן? אַז דו ביסט ניט געזונד, איז ער גאָר עלענד. קײַנער גיט אַף אים ניט אַכטונג איך בין פאַרנומען... זעהר... אין קאַנטאָר... און ער איז געבאַך גאָר אַלײַן.

ראָזע: זאָרג ניט! מאַקסיק האָט געגעסן, געטרונקן. ער איז בײַ זיך אין צימער און ענדיגט זײַנע אויפגאַבן. (צו פּאַאולינען) געה, פּאַאולינעטשקע, העלף אים נאָך אַביסל (פּאַאולינע אָב, צו יעקב׳ן) און דו, יעקב, געה אויך אַרײַן צו אים: ער האָט זאַך געוויס פאַרבײַנקט נאָך דיר. (גורעוויטש אָב. ד״ר שוואַרצמאַן קומט. זײַ טרעפן זאַך. באַגריסן זאַך).

ד״ר שוואַרצמאַן: נאָך אַ מאָל גוט ב׳אָוועגד! זײַט מיר מוחל, וואָס איך באַאונרוהיג אײַך ווײַטער. איך האָב געקלונגען אין אַלע טעלעפאָנען און דאָך ניט דערוואוסט זאַך, וואו איז זשעניע: בײַ די לוריעס האָט מען מיר געזאָגט, אַז זי איז געוויס בײַ די זאַלצמאַנס. געקלונגען צו די זאַלצמאַנס — ענטפערט מען מיר, אַז זי איז בײַ הימעלפאַרב, פון הימעלפאַרב׳ן זאָגט מען מיר, אַז זי איז בײַ זרח׳סאָן, זרח׳סאָנס — אַז זי איז צו אײַך געגאַנגען. (מיט פאַרדרוס) בײַ אײַך אויך ניטאָ... (זיפצט טיף) אַזוי לויף איך פון טאָג צו טאָג, ווי אַ משוגע׳נער!

ר אָ ז ע: צו וואָס דאַרפט איר אַזוי לויפן זוכן זי... זשעניע איז ניט קיין עופ'עלע און ווייס גאַנץ גוט דעם וועג אַהיים. זייט רוהיג: זי וועט ניט בלאָנדזשען!

ד"ר שוואַרצמאַן: ע, פרוי גורעוויטש! יעדער ווייס זיין צרה... יעדער טראָגט זאַך מיט זיין קלומיק, מיט זיין פעקל... ביי וועמען אַ קלענער פעקל ביי וועמען אַ גרויסער פּאַק... איך טראָג אַ גרויסן פּאַק... אַ שווערע משא... איר האָט נאָר וואָס געזאָגט, אַז זשעניע ווייס דעם וועג אַהיים און וועט ניט בלאָנדזשען. ניין, איר האָט אַ טעות: דעם וועג אַהיים ווייס זי ניט. אַנדערע וועגן קרומע וועגן ווייס זי גראָד; אַהיים בלאָנדזשעט זי... (זיפצט טיף) איך ווייס: מ'לאַכט פון מיר... מ'מאַכט חוזק... מיינט ניט, פרוי גורעוויטש, אַז איך בין ביי זיך ניט געפאַלן, ניט נידריג... ניין, איך בין זיך מיאוס... איך בין ביי זיך קליין, זייער קליין, ווען איך לויף פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס... און... זוך מיין ווייב... וואָס זאָל איך טאָן? הויז... קינדער... (זיפצט טיף) אַזוי געהען די יאָרן... זיי געהען, ליידער, ניט אַליין... איך שטופ זיי... מיט אַלע כחות... איך קען זאַך אַפ'ן סוף ניט דערוואַרטן... פאַרשפּילט דעם לעבן... ביטער פאַרשפּילט... איר, פרוי גורעוויטש, זייט דער איינציגער מענש, פאַר וועמען איך האָב נאָר-וואָס מיין פעקל, מיין קלומיק געעפענט... איך ווייס אַלץ... איך קריינק גענוג... איך פאַל ניי-דער... ווי גליקלאַך איז אייער מאַן, האָבענדיג אַזאַ זעלטענע פרוי, ווי איר... איך בין אים אמת מקנא... פאַרפאַלן... מ'דאַרף שטופן די יאָרן... ביז ס'וועט קומען דער סוף (הויבט זאַך אויף פון שטול) דערווייל דאַרף מען לויפן מיט'ן פּאַק... ווייטער... (סאַרקאַסטיש) זוכן מיין ווייב...

ר אָ ז ע: זייט ניט, דאָקטאָר, מקנא מיין מאַן... איר האָט ריכטיג געזאָגט! יעדערער טראָגט זיין פעקל: מיין מאַן... איר... איך... זשעניע... אַלע זאַנען מיר ליידענדע נשמות!.. מ'טראָגט פעקלאַך... וועגן זשעניע'ן מאַכט איר צופיל אָב: זשעניע איז יונג, שיין, געזונד, פול מיט לעבן, און געהט... מיט'ן שטראָם...

ד"ר שוואַרצמאַן: אַ גוטע נאַכט. מיין צרה ווייס איך גוט, גאַנץ גוט, און איצט... אויך איר אַביסל... פרוּיען האָבן אַפילו אַ קליינעם זכרון, אָבער סודות געדיינקען זיי... צודערצעהלן דערנאָך יאַף יעדן טריט און שריט... נאָר אייך גלויב איך! דאָס, וואָס איך האָב אייך איצט דערצעהלט דאַרף בלייבען נאָר צווישן אונז... קיי-נער טאָר ניט וויסן פון אונזער געשפרעך... פון מיין וויטאָג... פון מיין פעקל... אַ גוטע נאַכט (אָב).

(גורעוויטש קומט).

גורעוויטש: פּאַולינע העלפט מאַקסיקן די אויפגאַבן מאַכן. ער מאַטערט זיך נעבאַך. מאָרגן פאָהרסטו מיט אים אין אַ גוטע שעה. זאָל ער אָנרוהען היינט. צייט אים געהן שלאָפן.

דאָזע: יעדער מענש דאַרף וויסן זיין חוב. איבערהויפּט אַ יונג קינד. נישקשה. ער וועט אַ גאַנצן זומער רוהען.

גורעוויטש: מאָרגן אין דער צייט וועסטו שוין זיין וויַיט פון מיר... גאָר וויַיט... (וייפצט) ראָזעלע, פאָהר בעסער קיין איטאַליע: דאָרט, זאָגט מען, איז דער קלימאַט ווייכער, וואַרעמער. ווי אין דער שוייץ, און פאַר דיין געזונד וועט זיין בעסער. פאָלג מיך. פאַוור ניט נאָך שוייץ. טהו מיר די טובה!.. (פויזע) פיל האָב איך דיר, ראָזע, צו זאָגן פאַר דיין אָבריַיזן... ניט קיין ביטע... ניין... גלאַט אַביסל דורכריידן זאַך... מיר האָבן לאַנג ניט גערעדט... געדיינקסט יענעם אָוועגד, ווען דו ביסט מיין כלה געוואָרן, אויך ניט געבעטן... בלויז נייַן יאָר זאַנען אַוועקגעלאָפן... ניין יאָר... געדיינקסט מיינע ווערטער: «ליבע בעט מען ניט, ווי אַן אָרימאַן אַ נדבה. ליבע קומט אַליין... מיט דער צייט». קומט זי ניט שלעכט, פאַרשפּילט דאָס לעבן!... פאַולינע זאָגט שטענדיג, אַז דאָס לעבן מוז מען פאַרשטעהן. נאָך מיין מיינונג פאַרשטעהן העלפט ניט. דאָס לעבן איז אַ לאָטעריי. שטעהט אַ גרויסער קאַסטן מיט צעטלען. יעדערער נעמט אַרויס מיט זיין אייגענער האַנד זיין צעטל. זיין מזל... אַ פּוסטן, אָדער מיט אַ נומער. און אויב מיט אַ נומער שוין — אַ גרויסער צי אַ קלייַנער. (קליינע פויזע) ראָזע, איך זעה אַלץ... איך פאַרשטעה... איך פיהל... (זיפצט טיף) איין זאַך געדיינק: דיין היים איז דאָ! אין די פינסטערע, שוואַרצע נעכט, ווען די גאַנצע נאַטור וויינט און אַפּ׳ן מענשען פאַלט אַן אימה און ער פיהלט זיך פאַרפאַלן... איינזאַם... עלנד... געדיינק, אַז דו האָסט אַ גוטן פריינד, וועלכער וועט דיך שטענדיג מיט ריינע ליבע, הייסע פריינדשאַפט אַנטקעגן געהן... פאַרגעס ניט, אַז מיינע הענד, איך שווער דיר, וועלן שטענדיג מיט ליבע זיין אויסגעשטרעקט צו דיר... געדיינק, ראָזע!... לאָז זאַך ניט פאַר׳כשופ׳ן וויַיטער... זיי גיכטער. דאָס איז מיין עצה, אַן עצה פון דיין בעסטן פריינד! מיין איינציגע בקשה צו דיר איז מאַקסיק! ער איז דיין קינד. אמת, דו האָסט אַלע רעכט, אַלס מוטער, ער זאָל זיין מיט דיר. אָבער איך האָב דאָך אויך אַ חלק אין אים, אַ קליינעם חלק, אָבער פאָרט אַ טייל... חוץ וואָס ער טראָגט מיין נאָמען ניין יאָר צוזאַמען... ניין יאָר... אויסגעהאָדעוועט... אַף די פיס אַוועקגע-

שטעלט... ער איז אויך מיין קינד! זאָל ער בלייבן דאָ... מיט מיר... איך שווער דיר מיט דער שטרייִנגסטער שבועה, אים וועט גאָר נישט פעלן... (קליינע פּויזע) ענטפער מיר, ראָזע! (לאַנגע פּויזע) דו שווייַגסט! (פּויזע).

ראָזע: יעקב, האָב אַף מיר רחמנות... רייד ניט... דיינע ווערטער קלינגען אין מיינע אויערן ניט ווי דאַמאָלס מיט ניין יאָר צוריק... זיי שטעכן, ווי נאָדלען... עגבערן מיין מוח... רייסן שטיקערווייַז מיין האַרץ... דו ביסט גערעכט, יעקב, אין גאַנצן גערעכט... אָבער איך... אויך... אַביסל...

גורעוויטש: דו האָסט דערמאָנט דעם גליקליכסטען אָוונד אין מיין לעבן. דו בעטסט איך זאָל ניט ריידן. גוט. איך שווייַג... זאָל אָבער די פידל מייַנע, ווי דאַמאָלסט, געדייַנקסט, עטליכע ווערטער זאָגן, נאָר עטליכע ווערטער... זאָלן די טויטע סטרונעס אָבלעבן... דעם לעצטן מאָל... (האַפּט זאַך פאַרין קאָפּ, וויינט, געהט-אַרויס לאַנגזאַם פון צימער מיט די ווערטער: „דעם לעצטן מאָל". ראָזע פאַלט אין פאָטעל. וויינט האַרצרייסענדיג).

(מאַקסיק לויפט אַריין פון זיין צימער, שפּרינגענדיג).

מאַקסיק: די אויפגאַבע איז פאַרטיג. אורא! (פאַלט ראָזען אַפין האַלז) מאַמעטשקע, טייַערע מאַמעטשקע, וואָס איז מיט דיר? זאָג, דיר איז שווער?

ראָזע: (דריקט אים צו זיך מיט אַלע כחות, באַגיסט זיין געזיכט מיט טרערן. קושט אים) שווער, מיין קינד; זעהר, זעהר שווער!... (וויינט היסטעריש. הינטער דער סצענע הערט זאַך, ווי יעקב שפּילט אַ מאָטיוו, פול פאַרצווייַפלונג).

(פאָרהאַנג זעהר, זעהר לאַנגזאַם).

באַקו, מאַרט, 1920.